STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07369

IN UNDZER TSAYT

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינעם העלער

אין אונדזער צייט

לידער

פֿאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1954

BINEM HELLER

W NASZE DNI

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 51. Nakład 5.500 egz. Druk ukończono w marcu 1954 r.
Ark. druk. 9,5. Ark. wydawn. 7 Papier druk. sat. V kl. 61 x 86 cm, 70 g.
Druk RSW „Prasa", Warszawa, ul Tarczyńska 8. 5-B-53213

מיט אפענע אויגן

* * *

כל־זמן דאָס בלוט איז יונג און קרעפטיק
און מיט דערפאַרונג נאָכנישט זאַט —
רופט־אָפּ דאָס האַרץ זיך העל און העפטיק
אויף יעדן וווּנדערלעכן פּרט.

צוזוייניק האָב איך נאָך געוואַנדערט,
צוזוייניק האָט דער בעז געבליט,
און יעדעס יאָר כ'זינג עטוואָס אַנדערש
דאָס זעלבע שיינע פרילינג־ליד.

איך וואַרט מיט פרייד אויף יעדן שינוי
אין דער נאַטור פון ערד און מענטש —
דערפון די ליבשאַפט און די שנאה
מיט וועלכע ס'איז מיין וואָרט געבענטשט.

עס גייט קיין איין מינוט נישט ליידיק
פון אונדזער גרויסער צייט אַרויס,
און ס'ווערט דער עבר נישט באַליידיקט,
ווען כ'ווענד מיין פּנים אויף פאָרויס.

איך זאָג נישט אָפּ זיך פון מיין יחוס —
דאָס גוטע אייגנס איז נישט שווער,
ווען אין אַ פרייוויליק שליחות
איך גיי איצט פאַר דער גאַנצער ערד.

אונדזער פרייד

די גרעסטע פרייד קען ווערן אומבאמערקט
און, ווי דאָס ליכט פון זון — טאָגטעגלעך.
נאָר מיט דער פרייד וואָס וואַקסט און ווערט פאַרמערט —
מיט אונדזער פרייד איז אַזאַ זאַך נישט מעגלעך.

זי איז, ווי אונדזער לעבן, נישט באַרוט
און נייע קראַפט באַקומט זי, ווען זי ענדערט;
און אומדערמידלעך איז זי, ווי דאָס בלוט,
און ווי די פאָן, וואָס פלאַטערט איבער לענדער.

עס היט זי אָפּ פון גרויקייט און רוטין
די זאָרג פאַר אַלע קומענדיקע דורות,
די ליבשאַפט צו דעם שיינעם מענטשן־מין,
וואָס דאַרף אַרויסגיין פון אַזוי פיל מוראס.

און זי באַגלייט דעם טראַקטאָר אויפן פעלד,
און זי באַגלייט דעם בויער צו די הייכן;
און זי — ווייזט אָן אויף אַלעם דעם, וואָס פעלט,
אויף אַלעם, וואָס מיר דאַרפן נאָך דערגרייכן!

נייע שכנים

איך וווין איצט צווישן הונדערט נייע שכנים,
וואָס האָבן זיך מיט מיר נאָך נישט באַקענט.
געוווינט האָבן מיר דאָס הויז אינאיינעם
און איינגעטיילט זיך מיט די פרישע ווענט.

נאָר ס׳וואַקסט מיט יעדן טאָג אַלץ מער מיין נייגיר
צו די באַוווינער פון דעם גרויסן הויז,
און אומדערטרעגלעך ווערט מיר זיי פאַרביייגיין
און מיט אַ לייכטן נייג באַגריסן בלויז.

מיר דאַכט זיך, אַז דער העפלעכער „גוט־מאָרגן"
שטרייכט אונטער נאָך די פרעמדקייט און צעשיידט;
אַז אונטער די צוויי ווערטער בלייבט פאַרבאָרגן
דאָס בעסטע וואָס מען טראָגט אין האַרץ — די פרייד.

נאָר איך קען אויך דעם סוד פון שטילע ווערטער,
דעם גוטן טאָן פון ליבשאַפט אין דער שטים,
וואָס בינדן אָן די פריינדשאַפט, די באַגערטע
און וואַרעמען אָן אויפהער און אינטים.

איך גלייב נישט לאַנג אַזוי נאָך אויסצוהאַלטן
און בלייבן מיט די שכנים אומבאַקאַנט —
איך וועל דעם ערשטן בעסטן היינט פאַרהאַלטן
און, ווי אַ פריינד, דערלאַנגען אים די האַנט.

די צווייטע יוגנט

אין הארצן האָט א קוואל זיך אויפגעריסן,
די ליבשאפט פלייצט פון דאָרט מיט פרישע ווערטער.
מיין ליד, וואָס איז אמאָל געווען פארביסן,
קלינגט איצט מיט טענער, קיינמאָל נישט געהערטע.

דאָס גליק, וואָס כ'האָב גערופן פון די ווייטן,
געוואָרן איז אינטים מיט מיר און נאָענט,
און מיין געזאנג פאר קומענדיקע צייטן
הילכט איצט אין אלע וואָכעדיקע שעהן.

ניין, קיין שום קוועל פון מיינע טעג די יונגע
און קיין שום פיין איז נישט אוועק לאיבוד — —
און איך געדענק נאָך גוט דעם גרויען הונגער,
און וויפל מאָל מיין מאמע האָט געכליפעט.

און איך געדענק נאָך גוט דעם טאַטנס זאָרגן,
דאָס שווייגן פון די ארבעטלאָזע ברידער,
און ווי אזוי די „דעפע" האָט געוואָרגן
די ערשטע מיינע צאָרנדיקע לידער. — —

מיין יוגנט, וואָס איך האָב ביז בלוט פארטיידיקט
ווערט איצט מיט יעדן טאָג מיר אָפגעגעבן —
פאר יעדן מאָל, וואָס כ'בין געווען באליידיקט
באצאָלט מיר איצט מיט פרייד דאָס נייע לעבן.

נייע הוטעס און פֿאַבריקן

נייע הוטעס און פֿאַבריקן,
נייע וועגן איבער בריקן,
נייע ווייסע הייזער־בלאָקן,
אויפֿגעהויבענע אויף שטאָקן —
מיטן אויג קוים צו דערלאנגען.
אונדזער דור איז שוין דערגאנגען
צו דעם גרעסטן סוד פֿון ווערן
און צום ליכט פֿון ווייטסטע שטערן.
זעסט שוין דורך פֿאַרגרעסער־גלעזער,
ווי אזוי עס וואקסן גרעזער,
ווי אזוי פֿון רויזע בליטן
הייבט זיך אָן די פֿרוכט צו שיטן.

אונדזער צייט וועט לאנג זיך ציען —
שטענדיק האלטן מיר אין בליען.
יעדעס ניי־אנטדעקטע וווּנדער
נעמט אנטוויקלען זיך באַזונדער
און הייבט ווידער אָן אַנטפּלעקן
פֿרישע כוחות און זיי וועקן.
אָט אזוי קומט אויס כסדר
ווידער אָנצוהייבן — איידער
ס'איז דאָס פֿריערדיקס פֿאַרענדיקט.
דאָס ווערט אָנגערופֿן: שטענדיק.

לאַנג וועט דויערן דאָס לעבן,
ווייל מיר האָבן וואָס צו געבן.
איין טאָג לעבן מיר פֿאַר דרייען:
שנעל מיר דארפֿן זיך באפֿרייען
פֿון דעם דורותדיקן עלנט —
ביז די וועלט וועט אונדז געפֿעלן.

ווער?

איך זוך דאָס קורצסטע בילד אויף צו באַווייזן
דעם מענטש, וואָס איז פון קנעכטשאַפט אויסגעלייזט.
צי איז דאָס דער, וואָס פורעמט אויס דאָס אייזן,
צי דער, וואָס קלעטערט צו דעם הימל דרייסט?

צי איז דאָס דער, וואָס ברענגט אַרויס פון אונטן
דאָס ליכט, וואָס ליגט פאַרכישופט אינעם שטיין?
צי דער, וואָס שניידט אַדורך די ברייטע גרונטן,
צעמאָלט די מעזשעס מיט טראַקטאָרן-ציין?

צי איז דאָס דער, וואָס פלאַנצט די יונגע ביימער
אין געוויזענער פון די נייגעבויטע שטעט?
צי דער, וואָס גיט אַוועק פאַר טויזנט היימען
די פרוכטן פון זיין ערד — די גרויסע זאַט?

און אפשר איז דאָס אין דעם דאָרף דער לערער,
וואָס פירט אַרויס פון פינצטערניש און קלעם?
און אפשר גאָר — דער פּראָסטער גאַסן-קערער,
וואָס שייערט אויס די גאַס פון מ.ד.מ.?

צי איז דאָס דער, וואָס פאָרט אַרום אויף ימען,
פאַרשפּרייט אין ווייטע לענדער אונדזער רום?
און אפשר — די, וואָס גייט מיט מיר צוזאַמען
און נעמט מיט איר געטרייאַפט מיך אַרום?

און אפשר גאָר — מיין טאָכטער מיט איר שמייכל
אין גאָרטן וועג וואָס פירט פון היים אין שול?
און אפשר — איך, א מענטש, וואָס וויל דערגרייכן
דאָס אַלץ, מיט וואָס זיין האַרץ איז לאַנג שוין פול?

מיט אָפענע אויגן

איך חלום איצט מיט אויפגעמאַכטע אויגן —
מיין טרוים איז מער נישט שאָטנהאפט און שרעקיק,
איך האָב אים מיט קיין שטאָרן נישט פארצויגן
אין מורא, אז איך וועל זיך איבערוועקן.

דער פאלאץ פון מיין שיינער קינדער־מעשה
נעמט שיינען איבער הונדערט קילאָמעטער.
איך זע, ווי ס׳לייכטן זיינע ווענט די ווייסע
אויף ווייטע שטחים און אויף צייטן שפּעטער.

די גאנצע שטאָט איז שוין אן אויפגעשטעלטע —
אַ העלפט פון דעם געוויש איז שוין פארשוואונדן,
און דורך די מעטראָ־סטאַציעס אויפגעהעלטע
די ווייטסטע פאָרשטעט ווערן ענג פארבונדן.

דורך לאנגע אונטערערדישע טונעלן
לויפט דורך דער שימער פון דעם גלאָז און ניקל,
און אלע שויבן הייבן אָן צו העלן
אין אויגן, אָנגעפילטע מיט אַנטציקונג.

אויף אויסגעפאָלירטן אספאלט פון אליען
גליטשט זיך פארביי אן אויטאָ נאָך אן אויטאָ,
און איבער די געדיכטע ליפּעס ווייען
די שטאָלצע פענער אונדזערע, די רויטע.

עס ציען זיך די מעכטיקע געביידעם
אין שטרענגע, נאָר אין ליכטיקע קאָנטורן;
פון שרפה־אש און שטויב די לופט באפרייט איז
און פון דעם חורבן זע איך נישט קיין שפּורן.

און בלויז פון ווידערשטאַנד די מאָנומענטן —
זיי ווערן נישט פארשטעלט פון הויכע הייזער,
דערייל ביז צום דור דעם גליקלעכסטן, דעם צענטן
זיי וועלן נאָך די העלדישקייט באַווייזן.

אויב פארוואנדלט צו ווערן...

אויב פארוואנדלט צו ווערן דארף איך אין א בוים —
וויל איך זיין א בעריאזע.
איך וויל שטיין אויפן פאן פון אומענדלעכן רוים
און פון פוילישע גראזן.
איך בין גרייט צו פארהאלטן דעם האסטיקן ווינט
מיט די דינינטשקע צווייגן:
איך בין גרייט, ווען דער זוניקער זומער פארשווינדט,
אין די שנייען צו שווייגן.

איך זאג צו, אז פארוואנדלט כ'וועל שטיין אויף מיין ערד
און אין ערגעץ נישט בענקען;
פון דעם אלעם, וואס איך האב געזען און געהערט —
וועל איך גארנישט געדענקען.
אויך מיין מאמע, וואס איז איצט א וואלקן פון רויך
וועט אין בלי זיך פארוואנדלען,
און אין פרילינג דערמאנען דעם איידעלן הויך
פון די „ראזשינקעס־מאנדלען".

נאר וועט קומען א כמארע מיט דונער און בליץ
און דעם הימל פארדעקן,
וועט פון וואָרצל א שלאגטאן א כוואליע פון היץ
און פון דרימל מיך וועקן.
אין מיין שטאם וועט זיך שוימען דער ביטערער זאפט
ווי דאס בלוט אין סכנה,
און כ'וועל דעמלט אין אויסברוך פון בענקשאפט און קראפט
דעם אמאל זיך דערמאנען.

אין אונדזער יונגער שטאָט

נישט יעדן איינעם איז באַשערט דאָס גליק
צו זיין נאָך יונג אין אונדזער יונגער שטאָט.
נאָר האָפערדיק ביי יעדן איז דער בליק,
און ווי צום טאַקט פון מאַרשן שפּאַנט דער טראָט.

אויף מיין שפּאַציר אין אָוונטיקער שעה
טרעף איך א פרוי וואָס שמייכלט קלוג און שטיל.
זי האָט געזען א סך — איר קאָפּ איז גראָ,
נאָר אין א „שלום-טיכל” איינגעהילט.

די ציגל-גאַסן וואַרטן שוין אויף טינק,
די פונדאַמענטן בענקען נאָך די ווענט —
ווי קאָן דען אַלט זיין אַזאַ ליד וואָס כ׳זינג
אין וואַרשע, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט?

וו זענען נאָך די פרויען אַזוי שיין?
וו איז אַזוי א שאָד צו ווערן אַלט
און מיט דעם אָפּגעלעבטן צו פאַרגיין? —
דערפאַר, קאָן זיין, מיין יוגנט איך פאַרהאַלט!

נאַך איידער

א פולע נאַכט מיט רו
האָט אויסגעמעקט די זאָרגן.
וואָס זאָגט דער טאָג מיר צו?
וואָס ברענגט מיר דער פרימאָרגן?

די אויגן זענען קלאָר,
די הענט — מיט קראַפט געלאָדן.
דאָס ליכט איז ווידער וואָר
און זיכער איז דער באָדן.

דאָס הארץ איז ווידער גרייט
פונסניי אלץ אויפצונעמען:
דעם ווייטיק און די פרייד
אין הונדערט טויזנט נעמען.

מיט ליבשאַפט כ'נעם ארום
די זון אין אָנהייב גליען.
דער טאָג איז ווי א בלום,
וואָס וועט בלויז איינמאָל בליען.

די רגע איז א שאָד,
דער אויגנבליק איז טייער —
איך דארף דערגיין דעם סוד
פון ברענענדיקן פייער,

נאָך איידער ס'ווערט דאָס ליכט
אין דעמערונג צעשאָטן;
נאָך איידער מיין געזיכט
באהאלט זיך אין דעם שאָטן.

דער נייער בירגער

נאָך שווערער ווי פון הארטן שטיין דאָס ליכט —
ארויסצורײַסן איז געווען די שיין,
די גוטסקייט פון דעם מענטשלעכן געזיכט.
די דורותדיקע קללה פון זיין פיין
האָט אייביק פארשטעלט דעם מענטש פון גליק
און פון דעם גרויסן קומענדיקן טאָג.
געדופן האָט פארעקשנט אים צוריק
דער אומעטיקער קלאַנג פון קלויסטער-גלאָק.

אַ שטייגל איז געווען פאר אים די וויג,
א תפיסה איז געווען פאר אים דאָס הויז,
זיין לעבן — א כסדרדיקע קריג
און א נצחון — יעדער טראָט פאָרויס.
דער נעכטן איז געווען פאר אים ווי נאַכט,
דער מאָרגן איז געווען פאר אים ווי שרעק,
דער היינט — א ליכט, וואָס האָט אים אויסגעלאכט
און באלד צעשוווּמען, ווי א בלייכער פלעק.

די נויט האָט זיינע פליגל אָפגעפליקט,
דער טעמפער וויטיק האָט געלייזמט זיין צונג,
און ווי אין שווארצן אש האָט זיך געשטיקט
זיין ווידערשפעניקייט — א רויטער פונק.
ער האָט געבעטן, זעלטן ווען — פארלאנגט,
ער האָט געוויינט און — קיינמאָל נישט געדראָט,
און אונטערטעניק שטיל האָט ער געדאנקט
פאר גראָשנס פון דעם שקלאַפן-לוין ווי גנאָד.

ביז וואנען ער האָט אָפגעפילט די קראפט
פון זיינע שטאַרקע הענט און זיי געטרויט.
פון אָנהייב האָט ער איבעראַשט געגאַפט
און שפּעטער האָט ער אויסגעשריגן: ברויט!
דערנאָך האָט ער שוין דרייסט גערופן: פרייד! —
און העמלט האָט ער מיט דער רויטער פאָן

די מאַכט פון זיין גערעכטיקייט פאַרשפּרייט,
און אַלץ וואָס עס געהער אים — איינגעמאָנט.

איצט גייט ער — פון דער ערד אַ באַלעבאָס,
אַ שטאָלצער בירגער פון זיין פרייען לאַנד.
פון אונטער זיינע טריט לויפט אויף דאָס גראָז,
די שפע וויקלט אויס זיך פון זיין האַנט.
זיין טרוים איז אָנגעצייכנט שוין פון פּלאַן,
זיין בליק איז פול מיט זיכערקייט און שיין,
אויף יעדער בוידנג איז ער שוין פאַראַן,
און אויך אין אַלע קאַמפן וועט ער זיין.

צו אַ ספּיקערין אין װאַרשעװער ראַדיאָ

נישט טרוקן און שטרענג קלינגט דיין װײַבלעכע שטים,
נאָר װאַרעם און האַרציק, פֿאַרטרױליך־אינטים,
װי דו װאָלסט געװען פֿרײַנטלעך באַקאַנט
מיט יעטװעדן אײנציקן בירגער פֿון לאַנד.
דו רעדסט צו דעם אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק,
װי דו װאָלסט אַ שותּף געװען צו זײַן גליק,
און אויך צו דעם פֿויער דו װענדסט זיך דירעקט,
װי דו װאָלסט פֿון טונקעלן שלאָף אים געװעקט. —
אין ליכטיקע כװאַליעס דער חלל װיברירט,
װי נאָר ס'װערט די לופֿט פֿון דײַן שטים אָנגערירט.

און פֿול װערן פֿענצטער מיט זוניקן גאָלד,
דאָס אָרץ אין די הויזן װערט האַרטער געשטאָלט,
די הױפּטשטאָט פֿון פּוילן װערט שנעלער געבויט,
אויף פֿעלדער װאַקסט העכער און שענער דאָס ברויט,
דער אָדלער הייבט פֿלינקער זיך אויף אין זײַן פֿלי,
דער דיכטער זינגט לײַכטער און פֿרײַער זײַן ליד.
אין פּאַרק הייבט אָן לאַכן אַ זינגענדיק קינד
און לערנט זיך רעדן ביים גליקלעכן װינט,
װאָס טראָגט אין דעם רויש פֿון זעקסיאָריקן בוי —
דײַן שטים פֿון אַ מוטער, אַ שװעסטער, אַ פֿרוי.

נאָר טײלמאָל דערהערט זיך מעטאַל אין דײַן קול
און העל קלינגט דײַן שפּראַך, װי געגאָסן פֿון שטאָל.
דאָס טרעפֿט, װען דו װאָרנסט די בירגער אין לאַנד:
— דער בלוטיקער שונא איז װידער פֿאַראַן,
דורך אים װערט די פֿרידלעכע אַרבעט באַדראָט! —
און דעמלט װערט פֿעסטער־ביים זעלנער דער טראָט,
זײַן בליק װערט פֿאַרביסן, זײַן האָפֿן װערט גרייט
פֿאַרװאַנדלען אין האַס צו דעם שונא — די פֿרייד.

דעם יונגן דור

איך ווייס, אז אויך א גרינער בלאט
אַנטהאַלט אין זיך דאָס גאַנצע לעבן —
מיין יעדע פרייד, וואָס כ׳האָב געהאט
דער צוקונפט דאַרף איך אָפּצוגעבן.

דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב פון האַרבער וואָר
מיט ציין און נעגל אויסגעריסן —
דאָס אַלץ נעמט איצט דער יונגער דור
מיט קלאָרקייט פון געפיל און וויסן.

פון אויפגעבראויזטן אויפרוף־וואָרט,
וואָס שפּיצלעס האָבן אויסגעשטראָכן
ווערט איצט אין מוחות אויסגעקלאָרט
דער וועג פון קאַמף ביז צום נצחון.

דער צאָרן פון דער רויטער פאָן,
וואָס איז צו מיר אין בלוט אריבער
פאַרוואַנדלט זיך ביי א מיליאָן
אין העלן פלאַטער פון דער ליבע.

און אַלע לידער פון פאַרלאַנג,
וואָס כ׳האָב אין בענקשאַפט אויסגעטראָגן
דערהער איך איצטער אין געזאַנג —
פון וואַרשע — איבער הונדערט ראָגן.

אַ קראַנקנשוועסטער

זי לויפֿט אַראָפּ פֿון לייכטנדיקע שטיגן
אין איר כאַלאַט דעם ווייסן, ווי אויף פֿליגל,
און אין פּאַלאַטע קומט זי אָן צו שוועבן —
אַ מלאך פֿון רפֿואה און פֿון לעבן.
זי שטעלט ביים קראַנקן זיך אַוועק צוקאָפּנס
און ציילט אַריין אין גלאָז געניזונג-טראָפּנס.
און ס׳טרעפֿט אַמאָל, אַז שוין אינמיטן ציילן
דער חולה הייבט אָן שמייכלען און זיך היילן.

די גוטסקייט רוט כּסדר אויף איר פּנים,
כּדי אין עפּעס אָנגענומס דערמאָנען;
די רייניע, בלויע אויגן ווערן גרעסער:
— ס׳וועט זיין נאָך גוט, ס׳וועט זיין אינגאַנצן בעסער! —
דער קראַנקער קוקט אויף איר און חזרט איבער
די ווערטער — האַלב אין וואָר און האַלב אין פֿיבער,
ביז ס׳ווערט דער ווייטיק אין דעם שלאָף אַנטשוויגן —
און ס׳שוועבט אַוועק די שוועסטער, ווי אויף פֿליגל.

ביינאַכט, ווען ס׳קומען די יסורים-שעהן,
זעצט זי אַוועק זיך נאָענט, זייער נאָענט,
און ליגט צו לייכט איר האַנט צום הייסן שטערן,
און שעפּטשעט שטיל — דער חולה בלויז זאָל הערן —
די וווּנדערלעכע מעשׂה וועגן ווילן,
וואָס העלפֿט דעם גרעסטן ווייטיק איינצושטילן,
און וועגן שטאַרקן מענטש, וואָס קאָן באַווייזן
אַריבערטראָגן מער, ווי שטאָל און אייזן...

און אַז עס קומט דער טאָג פֿון אויפֿשטיין ווידער,
באַווייזט זי זיך, אַ גליקלעכע און מידע,
און הייבט דעם קראַנקן אָן צו לערנען וו ע ל ן
און ווי אַ קינד — די ערשטע טריט צו שטעלן.
און ער האַלט אָן זיך אין איר שטאַרקן אָרעם
און פֿילט, ווי פֿון די פֿריערדיקע יאָרן
גיסט אָן זיך קראַפֿט, און ס׳ווערט זיין טראָט אַלץ פֿעסטער —
און ער זאָגט צו דעם מיידל איין וואָרט: שוועסטער!

שטילקייט

דו זוך קיין שטילקייט נישט אין אונדזער שטאָט
פון בויונג און פון יוגנטלעכע לידער.
דו וועסט אַנטלויפן, נאָר דאָס גרויסע ראָד
פון דער באַוועגונג וועט דיך גרייכן ווידער.

אַנטקעגן דער מוזיק פון אונדזער דור
איז גלייכער, אַז דו זאָלסט זיך גאָרנישט ווערן.
די שטילקייט פון די קומענדיקע יאָר
דו לערן זיך אין קלאַנג פון שטאָל דערהערן.

די ניי־געפּלאַנצטע ביימלעך זענען צאַרט,
און ווייניק שאָטן גיבן נאָך די בלעטער,
נאָר אין די יונגע פּאַרקן דיך דערוואַרט
די גוטע אויסגעפּלעגטע רו פון שפּעטער.

ווען שפּראָצן וועט צום צענטן מאָל דאָס גראָז,
וואָס איז פון שטויב און חורבן אויפגעגאַנגען —
וועט לייכטער זיין באַגרייפן דיר, פאַרוואָס
דאָס לעבן אײַלט מיט טומלדיקע קלאַנגען.

ווען פון די ציגל וועלן הייזער שטיין
און פון קאָנסטרוקציעס וועלן זיין פאַבריקן —
נישט שווער וועט דעמולט זיין דיר צו פאַרשטיין,
פאַרוואָס עס רוישן איצט אַזוי די בריקן.

נאָר דעמולט, מעגלעך, וועט דיר זיין אַ שאָד
די צייט פון הייסע, האַסטיקע פאַרלאַנגען,
און אין דער נייער אויפגעבויטער שטאָט
וועסט בענקען נאָך די איצטיקע געזאַנגען.

טראָט נאָך טראָט

דו הערסט נישט אויף פאַר מיר זיך צו באַקלאָגן.
פון טרויער ווערט דיר פינצטער אין די אויגן
און שפּעטער איז דיר שווער שוין צו דערטראָגן
די פרייד פון טאָג, וואָס איז פאַרבייגעפלויגן.

ווי נאָר א שטרויכלונג וואָלסטו אָפּגעטראָטן;
קיין איין נסיון קאָנסטו נישט אריבער.
פאַר דיר איז יעדע שווערקייט א שאָטן,
וואָס שטיקט דאָס ליכט און דעקט דיין לעבן איבער.

ווען די טרעפסט אָן כאָטש אויף דער מינדסטער שטערונג —
דער פּחד בינדט דיך, הערסט זיך אויף באַוועגן.
דו זעסט נישט, אז אַ פינצטערע פאַרשווערונג
פון אָפּגעשטאַנענקייט שטעלט זיך אנטקעגן.

נאָר טראָט נאָך טראָט מיר נעמען איין פאַרביסן,
כאָטש ס'איז די לעצטע שלאַכט נאָך נישט פאַרענדיקט,
און יעדער שפּאַן, וואָס ווערט אַרויסגעריסן —
פאַרבלייבן וועט שוין אונדזערער אויף שטענדיק.

ליד וועגן באַלעסלאַוו ביערוט
און וועגן דעם קינד מיט רויטע בלומען

מיט דיינע בילדער, ווי מיט טויזנט זונען
געגאַנגען איז דער צוג פאַר דיין טריבונע.

געגאַנגען זענען וועבער, אייזנבאַנער,
די בויער פונעם פּאַלאַץ, די „זשעראַנער".

געגאַנגען זענען דיכטער און מאַטראָסן
געאַרעמט און אין איינִיקייט געשלאָסן.

און פּלוצים האָט פון ברחק זיך אויפגעהויבן —
אין לייכטן פלאַטער־ליכט פון ווייסע טויבן —

אַ קינד, וואָס האָט פון צוג זיך אָפּגעריסן,
כדי מיט רויטע בלומען דיך באַגריסן.

די הערצער האָבן זיך גענומען וויגן
צוזאַמען מיט די פיסלעך אויף די שטיגן,

ביז וואַנען ס'האָט דאָס קינד געקאָנט דערגרייכן
צו דיר און צו דיין שטילן שמייכל.

און דו האָסט פּאַטערלעך ארומגענומען
דאָס קינד צוזאַמען מיט די רויטע בלומען.

דו האָסט ארויסגעזעצט עס זיך הערנעבן
אין ערשטן מאַי, אין טאָג פון ליכט און לעבן.

און ס'איז פאַר דיר און פאַר דעם קינד — פאַר ביידן
אַדורך דער צוג פון פאָנען און פון פריידן.

געגאַנגען זענען פויערים און וועבער,
געגאַנגען זענען שניידער, קוילנגרעבער,

געגאַנגען איז „וואַרשאַוויאַ", „באַווואַ הוטאַ"
און אַלע מענטשן פריידלעכע און גוטע.

געגאַנגען איז דאָס שיינע לאַנד אינגאַנצן
און אָנגעהויבן אין דעם מאַרש צו טאַנצן.

פאַר דיר

פֿאַר דיר, דעם מענטש, איז אַלץ באַשטימט געוואָרן:
פֿאַר דײַנע טריט מען אַספּאַלטירט די וועגן,
פֿאַר דײַן באַקוועמלעכקייט עס רוישן די מאָטאָרן,
און פֿאַר דײַן גליק די רעדער זיך באַוועגן.

פֿאַר דיר — די גרעסטע זאָרגן און די קלענסטע;
פֿאַר דיר — דאָס ליכט פֿון מעכטיקע טורבינעס;
פֿאַר דיר — די הײַזער מיט די ברייטע פֿענצטער,
אָן בוידעם־שטיבלעך און אָן סוטערינעס.

פֿאַר דיר מיר שפּאָרן יעדן איינעם גראָשן,
כּדי ער זאָל זיך טויזנט מאָל פֿאַרמערן
אין יעדן אויוון, וואָס ווערט נישט פֿאַרלאָשן —
און דיר דער גאַנצער אײַנקונפֿט וועט געהערן.

דו וועסט אַרויס פֿון רוישיקע מאַשינען
און דײַנע גוטע אויגן וועלן לײַכטן:
אין אײַגנטום פֿון פֿאָלק וועסט דו געפֿינען
דײַן אייגענע דערגרייכונג און דײַן רײַכטום.

און לײַכט וועסט דו דערקענען דאָרט דײַן חלק —
דײַן אַרבעט, וואָס האָט זיך אין פֿרייד פֿאַרביטן.
אין נײַעם לעבן וועסטו זײַן באַטייליקט
און מיט דײַן לײַב און בלוט דו וועסט עס היטן.

צו מיין טאָכטער

מיין ליבשאַפט פיל איך איצט אין דיינע הענט,
מיין פרייד קלינגט ווידער אין דיין פול געלעכטער,
און אין דער שטאָט, וואָס איז געווען פארברענט
ברענגסט דו צוריק מיין יוגנט די געריכטע.

די זעלבע לידער, וואָס איך האָב אַמאָל
געזונגען צאַרטנדיק, אין גראָען אָנטאָן,
דערהער איך איצטער אין דיין העלן קול,
פארוואנדלטע אין לידער פון מיין יום־טוב.

דאָס טייערסטע וואָס איך האָב דאן געהאט,
דאָס רייטע פון מיין פאָן און פון מיין לעבן,
טראָגסט דו אין דיין פּיאָנערישן קראוואט —
די שבועה וואָס דו האָסט דעם לאנד געגעבן.

דיין גוטער שמייכל איז דער שווערער זיג,
וואָס איז אדורך דעם פּרחון פון בלוט און פייער.
געגאנגען איז די ערד פאר דיר אין קריג,
ווייל ס'איז דיין לעבן איר געווען טייער.

דיין רו

דיין רו בלויז די אייגענע ווילסטו געפינען —
דאָס פענצטער פארהענגסטו מיט שווערע גארדינען,
די ווענט פון דיין צימער — מיט טונקעלע בילדער.
דו מיינסט ס'וועט דיך מיידן חער צאָרן, דער ווילדער? —
דאָס ליכט פון די טאָג, ווי א ווייסער געווייסער,
וועט רייסן די שוועל פון דיין רו, פון דער זיסער,
פארגיסן דיין פענצטער, צעבראָכן די שויבן
און דיינע געוווינהייטן אלע — צעשטויבן.

וואָס ארט דיך דאָס בלוט פון די יונגע וויעטנאַמער,
דער טויט פון א פרעמדער, קאָרעישער מאמע?
דיין דאך איז נאָך גאנץ און די ווענט דיך באשיצן
פון פרידלעכע קעלטן און פריינדלעכע היצן.
דו מיינסט, אז דו וועסט מיט דיין טעמפקייט געניארן
נישט בלויז זיך אליין, נאָר אויך אלע געפארן.
דו היטסט אָפּ מיט אייפער בלויז דאָס וואָס געהער דיר —
דו מאכסט זיך נישט הערן, נישט זעען די מערדער,
וואָס גייען פון מערב-איראָפּע שוין ווידער
מיט בלוט אין די אויגן און נאַצישע לידער.

נישטאָ שוין קיין ווערטער, וואָס זאָלן דיך שרעקן —
זיי שווימען פארביי דיך, ווי בלוטלאָזע פלעקן:
דיין שמייכל בלייבט גאַנץ און דיין שטערן בלייבט רואיק. — — — —
און איך וואָלט פארטראכט דיר אזעלכע עינויים:
איך וואָלט מיט א גרויסן פנעוומאטישן האמער
געעפנט דיין צימער — דעם איינצלנעם קאמער,
די שמאטעס פון פענצטער — ארונטערגעריסן,
און זאָל דיך דאָס גרויזאמע טאָג-ליכט פארגיסן!

פאר אלעם

פאר אלעם, וואָס איך האָב אמאָל געליטן —
פאר אלעם וועט דאָס לעבן מיר באצאָלן.
איך האָב קיין שווערקייט נישט אויסגעמיטן —
פון קלענסטע זאָרגן ביז די שווערסטע עולן.

אויף סמאָטשעגאס האָט מיך די פרייד באגעגנט
און באלד פון קרומע שטיינער אָפגעשפרונגען —
כ'געדענק נאָך וויפל אומעט ס'איז געלעגן
אין וויג-ליד, וואָס מיין מאמע האָט געזונגען.

איך הער נאָך יענע קולות און געוואלטן,
וואָס האָבן פון א פענצטער אויסגעבראָכן,
ווען ס'האָט די נויט נישט שוין געקאָנט זיך האלטן
בסוד און צווישן די פיר ווענט פון שכן.

און יעדעס אומגליק, ווי א פלעק א שווארצער,
האָט אין מיין זכרון זיך ארייננגעגעסן —
אַ גאַנצער הויף מיט שאָטנס האָט געשפּאַרט זיך,
כּדי די קינדהייט מיינע צו פארלעשן.

און, וואונדערלעך, אז אין דעם וויסטן פלאָנטער
האָב איך מיין כּוח און מיין שטאָלץ געפונען;
אז מיט אזוי פיל ליכטיקייט און יום-טוב
בין איך פון אָט דער פינצטערניש אנטרונען.

דער ווייטיק האָט דאָס בלוט מיר אָנגעצונדן,
די אומגערעכטיקייט — געאיבט מיין ווילן —
און, וואונדערלעך, מיט איינמאָל איז פארשוואונדן
די שטומקייט פון די ווערטער און געפילן.

דאָס זענען מיינע טראָציקע געזאנגען! —
דאָס איז א העלער צאָרן מיך באַפאַלן
און שפּעטער אין די שורות זיך צעגאנגען,
ווי שארפע חושך-שניידנדיקע שטראלן.

ערשטער חודש

ערשטער חודש פֿונעם ניי־יאָר —
פֿרישע שנייען, וווּנדער נייע,
שניי און חידוש אין די אויגן:
עפּעס איז אַרויסגעפֿלויגן,
עפּעס האַרף דאָ באַלד נאָך קומען —
פֿון די שנייען — ערשטע בלומען.

אין דעם שניי ווערט אַלצדינג שענער,
איך אַליין ווער קלענער, קלענער:
ס׳נעמט די ווייסקייט מיך פֿאַרשלינגען
ביסלעכווייז — אינמיטן זינגען,
ביז עס בלייבט פֿון מיר אויף שנייען
בלויז אַ קינד אין גליק־געשרייען.

כ׳בענק נישט נאָך די אַלטע יאָרן —
וואָס האָב איך דאָרט אָנגעוואָרן?
לאַנגע הונגעריקע זומערס,
האַרבסטן — רעגנדיק־פֿאַראומערט.
נאָר ווען ס׳שיטן זיך די שנייען,
אויף צוריק נעמט אַלץ זיך דרייען.

אָט די קאַלטע קראַפּט פֿון ניי־יאָר
קאָן פֿון יאָרן מיך באַפֿרייען,
אַז איך זאָל פֿאַר נייע לידער
פֿרישע רייד געפֿינען ווידער,
און מיט זייער בלענד זיך פֿרייען,
ווי אַ קינד מיט ווייסע שנייען.

סוף ווינטער

דער רעגן קלאַפּט אין אַלע דעכער,
דער ווינט געוואַלדיקט;
די ווייסל איז געוואָרן העכער
און רייסט צום באַלטיק.

דער שניי אין גאַס ווערט איינגעשרומפּן
און שוואַרץ פאַרכליאַפּעט;
די ביימער לויפן אומגעלומפּערט
און אָפּגעדראַפּעט.

די לופט אין שטאָט איז אָנגעטרונקען
מיט גרויען טאָגן,
אין נעפּל ווערן איינגעטונקען
די שטילע ראָגן.

די פייגל האָבן זיך באַהאַלטן
און בלויז אַ שפּערל,
וואָס האָט די קעלטן אויסגעהאַלטן —
ער לאָזט זיך הערן,

און מיט זיין קליינעם פלינקן שנאָבל
ער הייבט אָן פּיקן,
כדי פון שטיינער אויסצוגראָבן
די פרילינג־גליקן.

מערץ

פאַר קינדער, פאַר דיכטער און ביימער
הייבט אָן זיך אין פרילינג דאָס יאָר,
ווען אַלע פאַרלאָנגען געהיימע
באַשיידט ווערן ליכטיק און קלאָר.

צו דעם, וואָס פאַרשאַרפט איז זיין אויער
דערגייט שוין אין אָטעם פון מערץ
א זיפץ, ווי אַן עכאָ פון כוח,
וואָס וועקט זיך אין שויס פון דער ערד.

און אים וועט דערגרייכן דער ניגון
וואָס קומט מיטאַמאָל, אומגעריכט —
דער ווינט אויף די טויזנטער פליגל
פון פלאַטערדיק, דורכזיכטיק ליכט.

ס'איז גוט

ס'איז גוט צו קומען אין א פרעמדער שטאָט,
ווו יעדער קער מיט אומגעריכטקייט דראָט.
דיין פנים איז דאָרט קיינעם נישט באַקאַנט
און האָך ביסטו ביי זיך — דו ביסט אין לאַנד.
דער פרילינג־הימל פון אומענדלעך בלוי,
דער שמייכל פון אַן אומבאַקאַנטער פרוי,
דער בלייכער בעז, וואָס וואַרט דיך אָפּ און בליט —
פילט אָן דיין האַרץ מיט גליק און אָנהייב ליד.
דו זעצסט זיך צו אין גאָרטן אויף א באַנק
און הייבסט אָן טראַכטן, אז דו וווינסט שוין לאַנג
אין אָט דער שטאָט, און יעדער בוים
איז איינגעוואָרצלט אין דיין ערשטן טרוים,
און יעדן שטיין דיין טראָט האָט אויסגעגלעט,
און צום זכרון יעדע מויער רעדט.
און מיטאַמאָל הייבסט דו זיך אויף פון אָרט
און זוכסט א מענטש אויף זאָגן אים דאָס וואָרט,
וואָס וואַרעמט, ווי די פרילינג־זון און שיינט —
דאָס וואָרט דאָס קורצע און דאָס גרויסע — פריינד!

וראָצלאַו, מאַי 1953

זומער־טעג

די זון, ווי ברויט, וועט קיינמאָל נישט דערעסן,
און ווינט בלייבט אייביק יונג די רויטע פאָן —
איך בענטש די צייט פון ליכטיקע מעת־לעתן,
איך בענטש די זומער־טעג, וואָס קומען אָן.

ביז איצט כ׳האָב ליב געהאַט בלויז דאָס דערוואַרטן
דעם פרילינג, ווי אַן אָנזאָג פון דער פרייד.
קיין וואונדער נישט — אין לעבן, אין מיין האַרטן
האָב איך צום גליק זיך שטענדיק בלויז געגרייט.

און אויך דער האַרבסט איז מיר געווען נאָענט
און אָנגעכמורעט ווי מיין שווער געמיט.
דעם ריטעם פון די רעגנדיקע שעהען
מען קאָן נאָך אַפּט דערהערן אין מיין ליד.

און נאָר דעם זומער האָב איך אויסגעמיטן —
די צייט, ווען ס׳רייפט אויף פעלדער אָן דאָס ברויט
האָט אַלע מאָל פאַר מיר זיך גאָר פאַרביטן
אין טעג פון אַרבעטלאָזיקייט און נויט.

מיט הונגעריקע אויגן און פאַרביטערט,
אין גאַסן־קאַטאַקאָמבן פון דער שטאָט —
דעם זומער האָב איך נישט דערוואַרט מיט ציטער,
זיין אָפּגאַנג איז מיר נישט געווען קיין שאָד.

נאָר איצט, ווען כ׳בין אריין אין רייפן עלטער —
מיט אַלע פריידן קומט דער זומער אָן,
און אַלע צייטן פונעם יאָר פאַרשטעלט ער
מיט ברויט, מיט זון און מיט דער רויטער פאָן.

הייסע טעג

די הייסע טעג מיט זון אדורכגעזאפט
דערפיל איך אויך אין אָטעם פון די נעכט.
א סטייע פייגל האָט זיך אויפגעכאפט
פארטאָג און שרייט: דער זומער איז גערעכט! —

מיט זייער ווילדן פרײדיקן געפייף
די שוואלבן וועקן אויף מיך אין דער פרי:
די תבואות אויף די פעלדער ווערן רייף
און פון די פרוכטן שיט זיך אָפּ דער בלי! —

מיט זייער אומרו ווער איך אָנגעשטעקט,
מיך ארט דאָס שווייגן פון דער גרויסער שטאָט,
ביז איך דערהער: דער ברוק ווערט אויפגעוועקט
דורך עמיצנס אן ערשטן, פעסטן טראָט.

און באלד נאָך אים — א צווייטער ענטפערט אָפּ,
און באלד נאָך זיי — די גאס ווערט אויפגעלעבט.
דער הימל לאָזט זיך נידעריק אראָפּ
מיט ליכטיקייט און מיט דעם שוואלבן־שוועב.

אין אָט דעם זומער

וואָס טוט זיך אָפּ אין אָט דעם זומער!
אין שטילקייט מערט זיך אַלץ ארום מיר,
מיט יעדן טאָג די ערד ווערט העכער —
דאָס גרינס וויל גרייכן צו די דעכער,
און אויפן פעלד דער יונגער קאָרן
יאָגט-נאָך דעם וווּקס פון מיינע יאָרן,
א גרעזל וואגט זיך צו פארמעסטן
אנטקעגן בוים דעם סאמע גרעסטן,
א שמעטערלינג מיט ווייסע פליגל
פרווּט אַלע בלומען צו באזיגן.

נאָר מיר ווערט אויף דער ערד נישט ענגער!
מיין אָטעם, ווי דער טאָג, ווערט לענגער,
צו ווייטקייט מיינע הענט זיך ציִען,
ווי פליגל הונגעריק צום פליִען,
די לופט איז פאר מיין אויג דורכזיכטיק —
דאָס גרינס פארשטעלט נישט, נאָר מאכט ליכטיק.

די זעלבע קראפט פון זיך פארמערן
הייבט אויך אין מיר אָן צו באגערן.
די בענקשאפט מיינע ווערט פארוואנדלט
אין יענעם שטילן דופט, וואָס וואנדערט
און זוכט אין אַלע ווייטסטע עקן
א הארץ מיט ליבשאפט אויפצוועקן.

א בייזערווינט

עס טרעפט אויך זומער, אַז אַ בייזער ווינט
יאָגט אָן די קעלט פון צפונדיקן פּאָל.
די גרויסע גלייענדיקע זון פאַרשווינדט,
דער הימל ווערט פאַרדעקט מיט גרויען שטאָל,
די שוואַלבן זיצן אין די נעסטן שטיל,
און בלעטער סטאַיעט אָפּ די גרינע פאַרב,
די קינדער רייסן איבער זייער שפּיל
און, ווי אין האַרבסט, די לופט ווערט שאַרף און האַרב.

דאָס קאָן געדויערן אַ טאָג, און מער,
דאָס קאָן געדויערן אַ וואָך, און צוויי.
נאָר ס׳ווערט נישט טעמפּ דאָס מענטשלעכע געהער,
און פולן עכאָ קלינגט זיין אויסגעשריי;
נישט איינגעהאַלטן ווערט זיין ברייטער טראָט,
די מעכטיקע באַוועגונג פון זיין האַנט.
ווי פריער דרייט ער האַסטיק יעדעס ראָד
און שנעל ווי שטענדיק אַרבעט זיין פאַרשטאַנד.

און ווען עס קומט צוריק אַרום די זון —
נאָך שטאַרקער און נאָך ליכטיקער זי שיינט,
ווי זי וואָלט זיך ערשט איצט דערוווסט דערפון,
אַז אַלע מענטשן זענען אירע פריינד.
זי קוקט זיך צו מיט ליבשאַפט צו דער ערד
און אין דעם מינדסטן ווינקל זי דערקענט
דאָס אַלץ, וואָס האָט פאַרגרעסערט זיך, פאַרמערט
דורך אַרבעט אויסגעשטראַלטער פון די הענט.

צום שניט

אויף אלע וועגן רוישט דער טאָג,
ער קלינגט אויף אלע בריקן,
ער אײַלט אויף רעדער און ער יאָגט —
וווּהין וויל ער אונדז שיקן?

אָט איז א טײַך, און אָט — א וואַלד,
און אָט — א פעלד מיט קאָרן.
אײַן זומער־טאָג אין זיך באַהאַלט
די האָפענונג פון יאָרן.

די תבואה האָט שוין אָפּגעבליט,
דער חודש יולי פײַערט.
עס קומט די גרויסע צײַט פון שניט,
ווען יעדע שעה איז טײַער.

טאָ לאָמיר איצט אויך פון די שטעט
אוועק אין פעלד צוזאַמען —
דאָס יאָר פון שפע און פון זעט
מיר טאָרן נישט פאַרזאַמען!

נאָכאַמאָל

נאָכאַמאָל א קוק טאָן אויף דעם לאנד,
נאָכאַמאָל אן אָטעם-טאָן זיין ווינט;
נאָכאַמאָל באַרירן מיט דער האַנט,
מיט דעם טראָט — דעם זומער, וואָס פארשווינדט.

מיט זיין רחבות אָנפילן מיין ברוסט
און די אויגן — מיט זיין ווילדער פּראכט,
און פון יעדן בוים, פון יעדן קוסט
הערן, ווי דאָס לעבן רופט און לאכט.

טרינקען פון די פרייע הימלען ליכט
און די שטילקייט שעפּן פון דעם וואלד;
שפּיגלען אין די טייכן דאָס געזיכט —
זוכן פון מיין ליבסטער די געשטאַלט.

טרעפן פון די בלומען אויפן פעלד —
פון די אויגן אירע דעם קאָליר;
אלע שמאָלע סטעזשקעס פון דער וועלט
זאָלן ווידער פירן בלויז צו איר. —

נאָכאַמאָל א קוק טאָן אויף דער ערד
מיט דעם הונגער פון מיין יונגן בליק;
ווידער ווערן זאָל דורך מיר דערהערט,
ווי עס רופט ביים נאָמען מיך דאָס גליק.

צוריק

פון ווייטן ים בין איך צוריקגעקומען
און אויפן אָרט כ'האָב אַלץ אין שטוב געטראָפן:
דאָס לעצטע בוך, וואָס כ'האָב פון שאַנק גענומען
איז אויפן טיש געלעגן נאָך האַלב-אָפן.

און נעבן דעם — א זון-פאַרגעלטער בויגן
מיט שורות אָנגעוואָרפענע, ווי שטענדיק,
פון יענעם ליד, וואָס איך האָב אָנגעהויבן
שוין זייער לאַנג און אַלץ נאָך נישט פאַרענדיקט.

דאָס שרייב-געצייג האָט סודותדיק געשוויגן,
ווי אַלע מאָל — געגעבן אָנצוהערן,
אַז אינעם ליד דער עיקר איז דער ניגון,
וואָס רופט אַרויס פאַרוואונדערונג און טרערן.

דאָס רוישן פונעם ים האָט זיך דערווייטערט,
און מיט דער שטילקייט האָב איך זיך באַגעגנט,
און פון מיין לשון האָט זיך אויסגעלייטערט
דאָס נייע ליד מיינס, ווי א זון פון רעגן.

צו־קליין

דער פרילינג איז קורץ און דער זומער איז קליין,
אפילו דער הארבסט איז נישט גרויס.
און יעדערער טאג האט דעם זיבעטן חן —
דו קוקסט זיך בלויז אום, איז ער אויס.

און ווינטער? ער גיט בלויז א בליאסק און א בלענד
מיט פראסט און מיט שניי — און פארשווינדט,
ווי ס'וואלט אים פארצוקט, אין א רגע פארלענדט
א האסטיקער ווארעמער ווינט.

א יאר איז צו־קורץ און דאס לעבן — צו־קליין,
אומענדלעך איז בלויז דער פארויס.
דער גוף איז צו־שוואך אויף דערטראגן אליין
דאס גליק וואס איז מעכטיק און גרויס.

קאן זיין, אז דערפאר וויל מיין קאפ ווערט שוין גרא,
קאן זיין — ווייל דאס לעבן ווערט שיין,
דערפאר לויפט א יאר איצט אוועק ווי א שעה,
דערפאר איז דאס לעבן צו־קליין.

* * *

ווער ווייסט דען, וויפל מאָל די זון וועט אויפגיין אין מיין פענצטער?
ווער ווייסט דען, וועלכער טאָג וועט אין מיין לעבן זיין דער שענסטער?

ווער ווייסט, אויף וועלכן אָרט עס ווארט אויף מיר דאָס צוגעזאָגטע?
ווער ווייסט דורך וואָסער וועג עס קומט די פרייד און ווער עס טראָגט זי?

אַזויפל מאָל האָב איך דעם קאָפּ אין נאַכט־שלאָף שוין פאַרבאָרגן,
אַזויפיל מאָל האָב איך פארוואונדערט אָפּגעוואַרט דעם מאָרגן.

איך האָב נאָך נישט געטראָפן וועגן ענלעכע אין וואַנדער,
איך האָב נאָך נישט געזען קיין מענטש, וואָס זאָל נישט אויסזען אַנדערש.

נישטאָ קיין בוים, וואָס איך זאָל מיט דעם אויג נישט אונטערשיידן.
דערפאַר איז מיר מיט יעדע שעה א שאָד זיך צו צעשיידן.

דערפאַר צעפלאַקערט זיך מיין ליבשאַפט אַלץ נאָך ווי א שייטער,
און איך דערוואַרט מיט אומרו יעדן טאָג פון לעבן ווייטער.

צו א פרילינג שפעטער

כ'האב נישט געזען ווי ס'ווערן געל די בלעטער
און ווי די שוואלבן זענען אפגעפלויגן.
פארקוקט האב איך זיך אויף א פרילינג שפעטער
און ס'איז דער הארבסט פארשוווונדן פון די אויגן.

נאר היינט האב איך דערזען: דער בוים איז נאקעט,
פון גאנצן זומער-גרין אן אפגעפליקטער,
און אין זיין הוילקייט זיצט א קרא און קראקעט
אויף איר להכעיס-לשון — א באגליקטע.

איך האב אין איר א שארפן שטיין געשליידערט
און פון מיין פענצטער האב איך זי פארטריבן.
איר הייזעריק געשריי האט זיך דערווייטערט,
די גרויע וואלקנס האבן עס צעריבן.

דער שווארצער בוים האט אויפגעהערט צו שטומען,
א ווינט האט זיינע צווייגן שטיל באוויגן.
דער רויש פון שטאט האט מיך ארומגענומען,
און אים — די ווארעמקייט פון מיינע אויגן.

און מיטאמאל האט ער גענומען בלייען
און ווידער זיך באדעקט מיט גרינע בלעטער,
און שוואלבן האבן אנגעהויבן פליען —
ווי מיינע לידער — צו א פרילינג שפעטער.

מיין ליד געפעלט זיי נישט

מיין ליד געפעלט זיי נישט — ווי קאָן עס זיי געפעלן?
די ווערטער וויל איך נישט קאַפּויער שטעלן,
דעם זין פון לעבן וויל איך נישט פאַרדרייען —
מיין ליד צום פּראָסטן מענטש קאָן זיי נישט פרייען.

אוי וויי, ווי ס׳איז מיין ליד געוואָרן שפל! —
איך בין עס גרייט צו ווידמען די קאַרטאָפל,
וואָס ווערן איצט פון פעלד אַראָפּגענומען,
און מיט דער שפּראַך וואָס איז באַשטימט פאַר בלומען
און אויסגעוואָרעמט אין מיין האַרץ פאַרבאָרגן,
זאָל איך, ווי יעדער פון די בירגער, זאָרגן:
מען זאָל זיי שנעלער צו די פּונקטן פירן,
אַז אין דער נאָכט־קעלט זאָלן זיי נישט פרירן.

אוי וויי, וואָס איז מיט מיין געזאַנג געוואָרן! —
אַן אָדע פאַר דעם יונגן ווייץ און קאָרן,
וואָס יעדעם דאַרף באַמיט זיך צוצושטעלן,
אַז אין די שטעט קיין ברויט זאָל נישט פאַרפעלן, —
ווען דורך דער ברידערלעכער מי פון פויער
וועט ווערן קרעפטיקער די האַנט פון בויער,
וועט פון די שטעט די גליקלעכע און זאַטע
עלעקטרי־ליכט פאַרפלייצן יעדע כאַטע. —

פאַרפאַלן, איך האָב ליב אַזוי צו רעדן,
אַז קלאָר, פאַרשטענדלעך ווערן זאָל פאַר יעדן
די שיינקייט פון די וואָכעדיקסטע זאַכן:
און ליב האָב איך, אַז יעדעס וואָרט זאָל וואַכן —
ביז אונדזער רייכקייט וועט זיין נישט צום שאַצן,
ביז אַלע בייזע שונאים וועלן פּלאַצן.
אַזוי צו רעדן וועגן זאַכן פּראָסטע
האָב איך געלערנט זיך פון מאַיאַקאָווסקין!

פאַרשפּעטיקטער האַרבסט

דער האַרבסט האָט הייַיאָר זיך פאַרשפּעטיקט.
די לופט ווערט אַלץ נאָך אָנגעזויעטיקט
מיט מילדע זומערדיקע שטראַלן,
די בלעטער ווילן נאָך נישט פאַלן,
פאַרוועלקן ווילן נישט די גראָזן,
דער צפון־ווינט וויל נאָך נישט בלאָזן.

און בלויז דער כיטרער זומער־פויגל
איז פון דעם לאַנד אַוועקגעפלויגן.
ער גלייבט נישט, אַז דער האַרבסט קאָן בליען
און אַז דער ווייסער שניי קאָן בריען;
אַז אין מיליאָנען שטוב־נעסטן
איז אָנגעגרייט פון אַלעם בעסטן,
און אַז דאָס ליד פון פרייד דער פרייער
איז אויך אין טריבע טעג אונדז טייער.

דער האַרבסט וועט הייַיאָר קומען שפּעטער,
נאָר זיכער איז, אַז קומען וועט ער.
דער צפון־ווינט וועט נעמען יאָגן,
אַ כמאַרע וועט דעם רוים פאַרטראָגן,
אַ פאָרהאַנג פון געדיכטן רעגן
פאַרשטעלן וועט די ווייטע וועגן —
נאָר שיין איז אויך דער ווילדער וויכער,
ווען אויף דער ערד דער טראָט איז זיכער,
ווען גלייביק איז דאָס בלוט און מונטער —
די זון אין האַרצן גייט נישט אונטער!

אויפֿסניי

מײַן לעבן האָט אויפֿסניי זיך אָנגעהויבן.
פֿאַרבלענדט האָט מיך אַ שטאָט מיט ווײַסע שויבן
און מיט אַ ליכטיקייט וואָס גייט נישט אונטער.

מײַן טראָט איז ווידער האָפֿערדיק און מונטער,
און שווער איז אויף צוריק זיך אומצוקוקן,
ווען צו דער צוקונפֿט פֿירן אַלע בריקן.

פֿאַרבײַ די הײַזער, נאָר־וואָס אויסגעבויטע,
עס ציען פֿורן פֿול מיט ציגל רויטע —
אַ ווײַטערדיקן שטח צו פֿאַרבויען.

מײַן חלום וועמען קאָן איך איצט פֿאַרטרויען,
אויב נישט דער ערד, דער ליכטיקער און ברייטער,
וווּ איין גאַס וויקלט אויס זיך פֿון אַ צווייטער?

און וואָסער פֿרייד קאָן איצט דען זײַן אַן עכטע,
אויב נישט דער שווערער זיג פֿון די גערעכטע,
וואָס קיין שום כּוח וועט שוין נישט צעשטערן?

מיט אַלע מײַנע חושים און באַגערן
האָב איך דעם נײַעם טאָג זיך אָפּגעגעבן.
אויפֿסניי האָט אָנגעהויבן זיך מײַן לעבן.

אין אונדזער צייט

אין אונדזער גרויסער צייט

אין אונדזער גרויסער צייט צו זיין אַ מענטש
הייסט: שפּאַנען איבער פינצטערע יתומען.
און דאָך זאָל זיין די שיינע שפּראַך געבענטשט —
זי האָט געשענקט מיר אָט דעם שמאָלצן נאָמען.

איך הער אים ווי אַ וואונדערלעכן רוף,
וואָס גיט מיר קראַפט מיין לעבן צו באַנייען.
איך גיי אַרויס פון יעדן שווערן פּרוּוו
פאַרביסענער, און מונטערער, און טרייער!

ווער וועקט אין מדבר אויף אַ גרינעם וואַלד
מיט זינגענדיקע פייגל אין די נעסטן?
און פון דער ערד ווער ענדערט די געשטאַלט
און גיט איר שוואונג פון אַנדערע פאַרמעסטן?

ווער רוימט פון שלאַכט-פעלד אָפּ דעם שפּור פון מאָרד,
כדי די שטילע גראָזן זאָלן גרינען?
ווער בויט פּאַלאַצן אויף דעם וויסטן אָרט
פון אויסגעברענטע הייזער און רואינען?

פאַרוואָרצלט בין איך אין מיין אייגן פאָלק,
נאָר מיט דער גאַנצער מענטשהייט כ׳בין פאַרבונדן.
איך פריי זיך מיט איר יעטוועדן דערפאָלג,
און ס׳טוען וויי מיר אַלע אירע וואונדן.

און מעכטיק איז מיין ווידערשטאַנדיק לייב,
וואָס ווערט דורך פייער-זאַלפּן דורכגעלעכערט.
איך שטאַרב ווי בעלאָיאַניס, נאָר איך בלייב
און ברענג דעם אונטערגאַנג פאַר די פאַרברעכער!

נאָך אַלץ

איך בין נאָך אַלץ אַזוי פאַרביסן,
מיין האַרץ — פון בענקשאַפט ווערט צעריסן,
מיין אויג איז אַלץ נאָך נישט געזעטיקט,
איך האָב אַלץ מורא, אַז כ'פאַרשפּעטיק.

מיין בלוט איז אַלץ נאָך רויט און זידיק,
מיין גרויסע ליבע — נישט באַפרידיקט,
און מיינע הענט נאָך אַרבעט גאַרן
און צום געראַנגל מיט געפאַרן.

נישט פול איז אַלץ נאָך מיין געלעכטער —
דער צאָרן איז נאָך דער גערעכטער,
און נישט פאַרשווינדן קאָן דער טרויער,
כּל־זמן דער שונא לויערט.

דאָס זענען די שונאים

אויב דו ווילסט די שונאים באַזיגן — דאַרפסט דו זיי דערקענען.
דאָס איז נישט דער אומזין פון גורל, דער פינצטערער צאָרן,
וואָס שטופּט דיך דעם ערשטן אין פייער און וויל דיך פאַרברענען —
דיין יעטווידער אומגליק איז פריער פאַרטראַכט שוין געוואָרן.

נאָך איידער ס'איז וואַרשע געוואָרן פאַרלענדט און צעשאָסן,
געאיבט האָט די נאַציִשע ווערמאַכט, כּדי זי צו דערגרייכן;
דער מאָרד פון דיין מאַמע איז דעמלט געוואָרן באַשלאָסן,
ווען איבער די מאַפּעס האָט היטלער די פּלענער געצייכנט.

דאָס בלוט פון מיליאָנען איז דעמלט געוואָרן באַרעכנט,
ווען שאַכט האָט באַקומען קרעדיט פון די וואָל-סטריט-באַנקירן.
זיי האָבן אין ניו-יאָרק געכאַפּעט דאָס גרויסע פאַרברעכן,
פאַר זיי האָבן נאַציִשע האָרדעס גענומען מאַרשירן.

זיי האָבן די קוויסלינגס, די אויסוואורפן אַלע געדונגען,
און יעדן פאַראַט אין די גרינע דאָלאַרן פאַרוויקלט.
עס זענען די אַקציעס אויף זייערע בערזעס געשפּרונגען,
ווען הימלער געפירט האָט די יידן מיט גאַז צו דערשטיקן.

זיי דרייסט און הייב אויף דיינע אויגן: דאָס זענען די שונאים,
וואָס שפּאַנען מיט רויב-זויק אַנטקעגן דעם גליק פון דער מענטשהייט.
פאַראייניק דיין ווילן און טאַט צו דער קראַפט פון מיליאָנען,
וואָס וועלן שוין מער נישט דערלאָזן די שאַנד פון אַשוויענטשים!

צו א פריינד אין פאריז

משה שולשטיינען

מיין ליבשאפט ווארצלט איין זיך אין יעטוועדן ווארט.
כ׳געדענק די שיינקייט פון דעם פלאם דע לא קאנקארד,
און טייער איז מיר אויך די שמאלע רו טורטיל,
ווו כ׳האב געהונגערט און געזונגען אין דער שטיל.

נאר איצט דערגרייכט מיך מער נישט די פאריזער פראכט,
מיך בלענדן נישט די כישוף־לאמפן פון איר נאכט,
עס וויגט מיך נישט דער ריטעם פון דער ריזן־שטאט
און פון איר שטיינער־פרעמדקייט בין איך נישט באדראט.

מיך גרייכט די כוואליע, וואס וואקסט־אן מיט יעדער שעה:
איך הער די מאנענדיקע שטים פון ושאק דיקלא,
איך זע פון רייטאנד דיען די דראענדיקע פויסט —
איך פיל דעם צארן פון פאריז, וואס קאכט און ברויזט.

און צווישן אלע זוך איך אפ דיך, ליבער פריינד,
דער שמייכל אויף דיין פנים איז נאך פריש און שיינט,
און אין די טרייע אויגן דיינע איך דערזע,
ווי ס׳שפיגלט זיך די רויטע פאן פון ק. פ. פ.!

פֿאַרן שטורעם

עס הענגט דער שטורעם אויפֿן מערב,
פֿון דונער גרייכט אַ ווייטער עכאָ;
אַ שאַרפֿער בליץ צעשנײַדט די כמאַרע —
אָט־אָט וועט זי זיך איבערברעכן.

די לופֿט ווערט ענגער און געדיכטער,
ווי מיט דערוואַרטונג אָנגעלאָדן,
באַלד וועט אַ קראַפּט, אַן אומגעריכטע
אַ זעץ־טאָן הילכיק אין דעם באָדן.

ווער ס׳וויל זאָל שנעל דעם קאָפּ באַהאַלטן
נאָך פֿאַרן אָנקום פֿונעם שטורעם —
איך וואַרט דער דונער זאָל צעשפּאַלטן
דעם שוואַרצן הימל — ווי אַ בשורה.

דער העלד פון מיין ליד

כ'בין קיינמאָל נישט געווען אין ליד אליין,
כאָטש אָפט האָב איך דאָרט וועגן זיך גערעדט —
געטאָן כ'האָב דאָס — מען זאָל מיך לייכט פאַרשטיין,
און נישט — כדי צו שפּילן אַ פּאָעט.

אַ פּראָסטער בירגער בין איך פון מיין צייט,
אַ טיילכל פון דעם לעבעדיקן פאָלק.
איך זינג אין פרייד, איך זינג אויך ווען איך לייד,
און נישט — צוליב דעם אייגענעם דערפאָלג.

ניין, נישט צוליב דעם פוסטן רום און שטאָלץ
האָב איך אין צענטער זיך אַוועקגעשטעלט.
בלויז איין זאַך האָב איך זייער שטאַרק געוואָלט:
אַז אין מיין ליד דער מענטש זאָל זיין דער העלד.

איך האָב אים פאַר דער וועלט אַרויסגעפירט —
ער זאָל פון איינצאָל ווערן טויזנטפאַך.
מיט זיין פאַרלאַנג האָב איך דאָס וואָרט באַריירט
און כ'האָב מיין ליד געשריבן מיט זיין שפּראַך.

ביז ער האָט אין מיין פּנים זיך דערזען,
ביז ער האָט זיך דערהערט אין מיינע רייד —
פאַרשטאַנען, אַז אין ליד בין איך געווען
אַ נאָמען פאַר זיין חלום און זיין פרייד.

ייִדן אין פּוילן

.1

געקומען נאָך צוריק מיט אַ יאָרטויזנט,
באַגעגנטע מיט אויסגעשרייען: ייִדן!
מיט זייער שוואַרצן גלותדיקן אויסזען
זיך אויסגעטיילט אויף פּוילישע יאַרידן.

מיט אויגן — פֿלאַמען און מיט בערד ווי פֿאַטעלעס,
מיט קינד־און־קייט, צעכראַסטעטע, אָפּגעשליסן,
אין פֿאַסן פֿון טליתים, זייד און אַטלעס —
זיי האָבן זיך אין שטעט אַריינגעריסן.

און אויפֿגעשפּילט דאָ זייערע ניגונים,
פֿון אַלע וואַנדער־וועגן מיטגעבראַכטע,
און זייער טרויער האָט אַ וועג געפֿונען
צו אויגן בלויע, פּוילישע, פֿאַרטראַכטע.

נישט יעדערער באַמיט האָט זיך דערקענען
די מענטשן אָנגעקומענע פֿון וואַנדער.
און דאָך האָט פֿאָלק צו פֿאָלק געפּרוווט געוויינען,
כאָטש פֿרעמד אַ ביסל און אַ ביסל אַנדערש.

.2

די ערד איז זיי געוואָרן אייגן־טייער
און ליב אויף קיינמאָל זיך נישט אָפּצורייסן;
דער ירדן אויסגעטריקנט האָט אין פֿייער —
און פֿולער איז געוואָרן דאָ די ווייסל...

די ערד האָט נייע זאַפֿטן איינגעזויגן,
זיך איינגעדעקט מיט הימלדיקע טויען;
געלויכטן האָט מיט אירע מאַנדל־אויגן
שולמית — צווישן פּוילנס בלאָנדע פֿרויען.

הער וואַלד וואָס רוישט אַוועק אויף הונדערט מײַלן,
פּלעגט אויכעט אין מתיקות זיך צעוויגן,
און אויף אַ ייִדנס זינגענדיקער שאלה
געענטפערט אים מיט אַ גמרא־ניגון.

און אַלץ אַרום: די ריחות פון די בלומען,
די שאַרפקייט פון די בית־הקברות־בלעטער —
זיי האָבן שוין אויף שטענדיק אויפגענומען
דאָס פאָלק וואָס איז געקומען עטוואָס שפּעטער...

.3

און איינגעוואָרצלט האָבן זיך די ייִדעס,
באַזעצט זיך אויף די רעכט פון אַלטע תושבים.
דערוועגן זאָגן וועלדער איצט נאָך עדות,
דערהויערן רעדן זייערע געוויישן.

ווי פעסטע איינגעפונדעוועטע שטאַמען,
געזאַמלט זאַפטן פאַר די ווייטע דורות.
אין שאָטן־צייט געהאַלטן זיך צוזאַמען
פאַר אַלע נאָכבישט אויסגעליבטע מוראס.

נישט בלויז קיין קרעטשמערס און נישט בלויז קיין פאַכטערס,
און נישט קיין שפּילערס בלויז אויף פלייט און פידל —
זיי האָבן אין די דערפער מיטגעבראַכט אויך
די פעסטע הענט פון סטאָליערס און פון שמידן.

און אונטער פולע און געבענטשטע צווייגן,
און אונטער אַלטע פויערישע סטריכעס —
די גוטע באַלמעלאָכישע געצייגן
געירשנט האָט מען ווי אַ שיינעם יחוס.

די מיידלעך האָט מען אָנגעטאָן אין סאַמעט
און פויליש זיי געלערנט פון די לידער;
די ייִנגלעך — אָפּגעשיקט צו דעם מלמד
אויף לערנען עברי פון דעם אַלטן סידור.

און ווי א בוים, געפלאנצט אויף וואסער־ברעגן,
וואָס זיינע בלעטער טוען נישט פארפוילן —
געזעסן זענען יידן אויף די וועגן
פון גרינעם און פון רחבותדיקן פוילן.

.4

ווער וואָלט געזאָגט אַמאָל ווי אויסצושטרייכן
פון פוילנס יעדן אויפשטאַנד און געראַנגל?
מיט פוילנס אַלע שטראָמענדיקע טייכן
איך זייער גרויסער רום איז אויפגעגאנגען.

זיי האָבן ליב געהאַט דאָס לאַנד פון פושקין,
דאָס פאָלק פון צאַרטע קינדער און פון גבר'ן,
נאָר פיינט געהאַט צוזאַמען מיט קאָשטושושקאָ
די פרעמדע הערשאַפט פון די שוואַרצע צאַרן.

געפאַלן זענען זיי אויף קאָצקער פעלדער,
ווי שלאַכטלייט ווידערשטאַנדיקע, געניטע;
און זייער בלוט דאָס היימע נישט געפעלט האָט
אין פראַגע, בעת דער טרויעריקער שחיטה.

זיי זענען אויפגעגאַנגען ווי אַ וואָלקן
מיט פרישקייט איבער אַלע גרינע פלאַכן,
און אין דעם מאַרש פון בערקאָס פרייע פולקן —
אַ נעפל אויפגעהויבן אויף די שלאַכן.

און ווען מען האָט דערשטיקט שוין די מרידה
און זיי אין תפיסות איינציקווייז פאַרמאַטערט,
האָט לאַנג נאָך אין די פויערישע לידער
דער אומרו זייערער אַרומגעפלאַטערט...

אַזוי איז געגאַנגען די ערשטע אַרמיי

צי קאָן מען דען ציילן די העלדן פון דור,
וואָס איז איינעם פייער אַדורך ווי דער ווינט?
אַ רגע אין שלאַכט האָט די וואָג פון אַ יאָר —
דער טויט קומט האַרט אָפּט, נאָר דער אומקום פאַרשווינדט.
נישט הונדערט, נישט טויזנט — אַ גאַנצער לעגיאָן
פון דרייסטע און טרייע, פאַראייניקט האָט זיי
די בענקשאַפט צום לאַנד, ווי אַ ליכטיקע פאָן.
אַזוי איז געגאַנגען די ערשטע אַרמיי.

נישט איינער געדענקט האָט דעם וואַרשעווער פלאַם —
דאָס יאָר ניין און דרייסיק פאַרגעסן איז שווער;
נישט איינער פון זיי איז געווען האַרט אין קאַמף
מיט ליידיקע הענט קעגן היטלערס געווער.
נאָר איצט האָט אַן אויפריס, אַזוי ווי אַ בליץ,
באַלויכטן אויפסניי, נאָך די יאָרן פון וויי,
דעם וועג צו אַ פוילן אָן בעק און אָן ריזה.
אַזוי איז געגאַנגען די ערשטע אַרמיי.

אַ, האַרט איז די שפּראַך פון באַפעל און פון פליכט,
נישט גרינג איז דעם זעלנער צו ברעכן די שרעק.
נאָר ווייל ס'האָט דאָס היימלאַנד אויף זיי זיך געריכט,
איז לייכטער געווען אין דעם אָנגריף אַוועק.
געוואַרט האָט אויף זיי יעדע מוטער און פרוי,
געהאָפן נאָך הילף מיט אַ דייטלעך געשריי,
אַזש ביז צום דערקענען די שטימע גענוי,
אַזוי איז געגאַנגען די ערשטע אַרמיי.

אַ מעכטיקער אָנשפּאַר געווען איז די ערד,
וואָס האָט זיי געגעבן דעם ערשטן פּלאַצדאַרם.
אַ פּוילישער זון מיט סאָוויעטיש געווער
געצילט האָט פון האָרט אין דער נעסט פון געפאַר,
מען האָט אים מיט זאָרג און מיט ליבשאַפט באַגלייט;
מיט הונדערט סאָוויעטישע פעלקער אין ריי
האָט ער זיך געבריידערט אין בלוט און אין פרייד.
אַזוי איז געגאַנגען די ערשטע אַרמיי.

דער ערשטער באַפעל — און אַ ליכטיקער זאַלפּ
געקרייכט האָט פון לעגינאַ ביז צו דער הײם.
אים הערן די העלדישע קעמפער פון וואַלד,
אַ ראַדיאָ אין שטאָט גיט אים איבער געהיים. — — — —
די גרעניץ. דאָס ערשטע געוווּנענע הויז.
און פוילן: די לאַנדשאַפט פון ווינטער־פּאַרזיי.
און ליבשאַפט, און שנאה, וואָס יאָגט אויף פּאָרוים.
אַזוי איז געגאַנגען די ערשטע אַרמײ.

אין ווישקאָווער וואַלד

קיין ביאַליסטאָק ציט זיך דער וועג
דורך זוניקן דאָרף און דורך וואַלד.
אין אויטאָ, אינמיטן געיעג
דערפילט האָב איך — עמעץ פאַרהאַלט.

צי האָב איך דערהערט א געשריי?
צי איז דאָס געווען א באַפעל?
אינמיטן פון אַספאַלט־שאָסיי
דער אויטאָ האָט ראַש זיך געשטעלט.

וויברירט האָט די ליכטיקע לופט,
די זון האָט אויף שטאַמען געבלענדט.
אין לויטעריער שטילקייט ווער רופט?
ווער האָט אויף דעם וועג מיך דערקענט?

אַ רגע, אַ צווייטע, איך הער:
דער וואַלד האָט אין כּישוף דערוואַכט.
אין הילכן פון ווייטן געווער
וואַקסט אָן דאָס געוויש פון אַ שלאַכט.

דאָס האַרץ ווערט פון וואַרטן פאַרקראַמפט,
אַ פרייד און אַן אַנגסט מיך באַפאַלט.
דעם עכאָ פון געטאָ אין קאַמף
דערהער איך אין ווישקאָווער וואַלד.

דאָס זענען די העלדן פון מאַי
אַרויס פון פאַרשרפעטע טעג.
זיי גייען פון געטאָ אויפסניי
אַוועק קעגן פיינט אין געשלעג.

דאָס פייער האָט זיי נישט דערשטיקט,
דער ווידערשטאַנד איז נישט צעשטערט:
מען האָט זיי פון געטאָ געשיקט
פאַרטרייבן דעם פיינט פון דער ערד.

די לעצטע און שיטערע ריי
פון קעמפער ווערט איבערגעציילט —
אַ טייל פון דער גרויסער אַרמיי,
פון „גוואַרדיאַ להוואָרואָ" אַ טייל.

דער וועג צו דעם דאָרף ווערט פאַרמאַכט —
עס־עס נעמט די גרופּע אין קלעם.
זי פאַלט ביז דעם לעצטן אין שלאַכט —
און דאָס איז דער קלאַנג וואָס כ׳פאַרנעם.

אַ ווייל — און די זעונג פאַרשווינדט,
דעם וואַלד נעמט אַ שטילקייט אַרום.
און פייערלעך הייבט אָן אין ווינט
צו רעדן דער אייביקער רום.

דער סאָוויעטישער מונדיר

דו זעסט, מיין קינד, די גרויע פאַרב
פון דעם סאָוויעטישן מונדיר?
דו פילסט ווי פּאַטערלעך און צאַרט
ער ענטפערט אָפּ אויף דיין באַריר?
דאָס איז דאָס קלייד פון יענעם מאַן,
וואָס האָט פון אומקום דיך פאַרשטעלט
און פאַר דיין מאַמעס ערשטן שפּאַן
געמאַכט אַן אָרט דאָ אויף דער וועלט.
דאָס איז דאָס קלייד פון יענעם מענטש,
וואָס האָט פאַרלאָזט זיין אייגן קינד,
און מיט זיין שטאָלץ דיין בלוט געבענטשט,
און מיט זיין לעבן — דיר געדינט.
באַהאַלט, מיין קינד, דאָרט דיין געזיכט,
פאַרהיל זיך אין דעם גרוי געוואַנט
און זאַפּ אין אויגן איין דאָס ליכט
פון פעלקער־פריינדשאַפט און פאַרבאַנד.
דאָס טוך איז ריין און נישט פאַרפלעקט
פון טרערן און אומשולדיק בלוט —
אַ זעלנער האָט מיט אים פאַרדעקט
זיין חבר, ווען ער האָט גערוט,
אַ מידער, נאָך אַ שווערער שלאַכט.
און אפשר נישט קיין מידער, ניין —
די אויגן האָט ער צוגעמאַכט,
ווייל ס'האָט אַ קויל געשטערט אים גיין...
באַהאַלט דיין פּנים אין מונדיר —
דו וועסט דערזען דאָן יענעם העלד,
וואָס האָט געשלאָגן זיך פאַר דיר
און פאַר דער פרייהייט אויף דער וועלט.

אוריוק

דאָס איז געווען אין ערשטן טאָג פון מערץ.
איך האָב אַ מאָסקווער ספּיקערין געהערט.
זי האָט געפירט מיך איבער דעם פאַרבאַנד —
פון סאַמע מאָסקווע ביז דעם ווייטסטן קאַנט,
געוויזן מיר די הייזער פון בעטאָן,
דאָס גראָבן דעם קאַנאַל פון וואָלגע—דאָן,
די בויונג פון צימליאַנסקער הידראָ-קנופּ.
דעם אויפטריט פון אַ קינדער-כאָר אין קלוב,
דעם סטעפּ וואָס ווערט אַרומגעשטעלט מיט וואַלד,
די גראָב-מאַשין, וואָס רייסט די ערד און שפּאַלט,
ווי דורך אַ נייער סטאַנציע לויפט אַ מעטראָ-צוג,
ווי — אין קירגיזיע בליט שוין דער אוריוק.

ווער ס'האָט זיך נאָר באַקענט מיט אַט דער פרוכט,
ווער ס'האָט פון איר גן-עדן-טעם פאַרזוכט —
דער ווייסט, פאַרוואָס עס שמעקט ווי דאָס געזונט,
די פרוכט, וואָס ליבט זיך אין דער ערשטער זון.
דערפאַר האָב איך אין ערשטן טאָג פון מערץ
אין יענער דינער פרויען-שטים דערהערט
דעם שטילן רויש פון פרילינג-ווינט, וואָס גייט
פון לאַנד וואָס זאָגט מיר אָן מיין יעדע פרייד.

דער רוף פון אָקטאָבער

אין יענעם טאָג פון פּעטראָגראַדער שניי
מיין קינדהייט האָט זיך מיטאַמאָל צעבליט.
דערהערט האָב איך אַ וווּנדערלעך געשריי —
די ערשטע שורה פון מיין ערשטן ליד.

געווען איז דאָס אַ רוסישער מאַטראָס,
וואָס האָט אויף דער „אַווראָראַ"־שיף געוואַכט
און מיט אַ האַרבן אַרטילעריע־שאָס
געמאָלדן, אַז ער נעמט די גאַנצע מאַכט!

צו מיר דערגייט נאָך איצט זיין קלאָרע שטים,
זיין פּנים איז מיר נאָענט און באַקאַנט,
איך זע דעם סערפּ און האַמער איבער אים —
די פאָן פון שטורעם אין זיין פעסטער האַנט.

דערגרייכט האָט מיך זיין רוף פון לענינס שטאָט,
און כ'האָב דערפילט, אַז אויך מיין בלוט איז גרייט,
און הימלט איז אַוועק מיין יונגער טראָט
אין אָרט פאַרנעמען אין דער גרויסער פרייד.

און כ'האָב געוווּסט: מיין לעבן הייבט זיך אָן
פון אָט דעם טאָג אין בלענדיקן שניי,
ווען אויפגעגאַנגען ס'איז די רויטע פאָן —
די זיגערישע זון פון מיין פּאַרטיי!

אין טאָג פון זיבעטן נאָוועמבער

דאָס וווּנדער־ליכט פון זיבעטן נאָוועמבער
גייט־אויף און שפּרייט זיך אויס אויף אַלע לענדער,
און יענער אָנזאָג־זאַלפּ פון דער „אַוראָרא"
ווערט הילכיקער און וואַקסט אָן מיט די יאָרן.
אין ווייטערדיקן קאַמף שטייגט אויף דער גענײ —
דער אויסרוף פון וולאַדימיר איליטש לענין,
וואָס עפנט אויף די גליקלעכע עפּאָכע,
ווו אַרבעט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה.
צו גרויסע פעלקער און צו קליינע שבטים
גרייכט סטאַלינס אמת מיט זיין גרויסן אָטעם,
און אויף דער פּראָסטער לאָזונג „ערד און שלום!"
די מענטשהייט ענטפערט־אָפּ אין ווידערקול איר
און שווערט, אַז גלייך מיט ביימער און מיט גראָזן,
וועט זי די ערד די ליבע נישט פאַרלאָזן;
אַז פון איר אויבערפלאַך עס וועט פאַרשווינדן
דאָס הייפל בלויז, וואָס וויל זי אונטערצינדן —
און דעמלט וועט דער זיבעטער נאָוועמבער
דער יום־טוב זיין פון שלום צווישן לענדער.

אויף סטאַלינס טויט

וואָס טוט א קאָמוניסט, ווען ס׳איז אים שווער,
ווען ס׳יאָגט א שוואַכקייט אָן צום אויג די טרער?
אין חבר סטאַלינס ווערק זוכט ער די רייד,
וואָס זענען אלעמאָל אים העלפן גרייט.
געפּרוּווט האָב איך האָס אויך אזוי צו טאָן
אַצינד, ווען ס׳איז מיט שוואַרץ באַזוימט די פאָן
און איינגעהילט אין קרעפּ איז סטאַלינס בילד —
דער שאַרפער וויטיק האָט זיך נישט געשטילט.

ווען כ׳האָב פאַרלוירן אלע מיינע פריינד
האָט פון זיין נאָמען נאָענטקייט געשיינט.
געפילט האָב איך די וויכטיקייט, די וואָג
פון יעדן וואָרט, וואָס סטאַלין האָט געזאָגט.
ווי כ׳וואָלט געקומען אין די קרעמל־ווענט
און ע ר אליין וואָלט זיך צו מיר געווענדט.
איך שווער, אז איך האָב דאָס נישט אויסגעטראַכט —
דאָס האָט זיך יעדן קאָמוניסט געדאַכט.

געווים, דאָס לעבן וועט נישט בלייבן שטיין,
און סטאַלינס קראַפט איז שטאַרקער פון געוויין,
און אלץ, וואָס האָט געשיינט אין זיין געדאַנק
וועט ווערן גליק פאַר דורות, דורות לאַנג.
נאָר איך, א מענטש, וואָס לעב אין סטאַלינס דור —
איך האָב אליין געזען אים אויף דער וואָר,
און זיינע רייד איך האָב אליין געהערט —
איך קאָן נישט גלייבן, אז ער לעבט נישט מער.

אין יענע טעג

.1

ווער ס'האָט אין יענע אימהדיקע טעג
נישט מיטגעלעבט מיט אונדז אויף אונדזער ערד,
נישט בייגעווען ביים ביטערן געשלעג —
צי האָט ער אמתדיק די צייט דערהערט?

דער שונא האָט מיט טעמפּע טאַנקען-ציין
אַריינגעביסן זיך אין אונדזער פעלד,
און קענען אים מיט בלוט און מיט געביין
אויף טויט מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט.

דאָס וואָלטן אייך פּאַנפילאָווצעס דערציילט,
ווען פון די אכט און צוואָנציק עמעץ בלייבט,
ווי שטאַרבנדיק, זיי האָבן נאָך געציילט
די טאַנקען, אָפּגעשטעלט דורך זייער לייב.

דערציילט דערוועגן דעם וואָלט אייך דאָס קינד
פון לענינגראַדער נישט געהייצטן קלאַס,
וואָס האָט געבויגן דורכגעיאָגט געשווינד —
ווען נישט געפאַלן טויט וואָלט עס אין גאַס.

אָנשטאָט מיט בלומען האָט מען אויסגעזייעט
די בייטן מיט קאַרטאָפל און מיט קרויט.
א האַלבע ערד געווען איז דורכגענעצט
מיט בלוט, און אין געפענגעניש — דאָס ברויט.

.2

ווער ס'איז אין יענע טעג פון פרייד און פיין
נישט בייגעווען אויף אונדזער זעקסטל ערד —
דער האָט פאַרפעלט צו זען יענע שיין,
וואָס איז בלויז אונדזער דור געווען באַשערט.

װער ס'האָט אונדז נישט געהאָלפֿן מיט זײַן מוט,
דער ס'איז נישט בײַגעשטאַנען מיט זײַן שװײס —
דער האָט קײן חלק נישט אין יענעם בלוט,
װאָס האָט פֿון ערד אַראָפּגעשװענקט דאָס בײז.

נײן, נישט באַזונדער האָט מען דאָן געלעבט,
נישט בלױז פֿאַר זיך דער צאָרן האָט געברענט.
דעם כּוח האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק געשעפּט
אין גרױסער פֿרײַנדשאַפֿט, קעגן פֿײַנט געװענדט.

זײ האָבן זיך צוזאַמען אײַנגעשפּאַרט
אױף דורכצוהאַלטן ביז צום סאַמע סוף;
זײ האָבן אַלע זיכער אָפּגעװאַרט
דעם אָנקום פֿון דער אָנגעזאָגטער שטראָף,

װען ס'װעט אױף סטאַלינס ליכטיקן באַפֿעל
זיך לאָזן די אַרמײ אין גרױסן גאַנג,
אױף צו באַפֿרײַען יענע האַלבע װעלט,
װאָס גוססט אונטער היטלעריש געזאַנג.

די בריק אויפֿן אָדער

.1

ס'איז אָנהייב פֿון אויגוסט, ס'איז זומער ביינאַכט —
א נאַכט, ווען עס פֿאַלן די שטערן.
מיין פּוילישע ערד איז אַצינד ווי א טראַכט
פֿון א פּרוי, וואָס רוט אָפּ פֿון געבערן.
זי דעמפּט אוים די ריחות פֿון סאָסנע און ווייץ
פֿון היי און געבונדענע קאָרן.
און אָט נעמט זי לייכטן מיט אייגענער שיין,
ווי זי וואָלט א זון איצט געוואָרן.

די נאַכט ווערט דורך ריעדער אויף רעלסן געוועקט,
א שנעלצוג לויפֿט דורך איר אינמיטן.
און ס'הייבן זיך אָן — צי פֿון פֿרייד, צי פֿון שרעק —
די שטערן פֿון הימל צו שיטן.
איך זיץ אין דעם שנעלצוג, וואָס לויפֿט דורך געשווינד
אַזוי ווי א בליציקער אָדער
און פֿירט מיך אריבער די בריק וואָס פֿאַרבינדט
צוויי לענדער, וואָס ליגן ביים אָדער.

.2

אז איך זאָל אַדורך אָט די אייזערנע בריק —
ווי טייער געדאַרפֿט האָט דאָס קאָסטן!
איך ווייס, אז דורך איר איז מיט צען יאָר צוריק
געגאַנגען דער אָנגריף „אויף אָסטען".
דורך איר איז אוועק מיט געשטשירעטע ציין
די באַנדע אין היטלער-שגעון,
כּדי צו פֿאַרלענדן מיין פֿאָלק, מיין געביין
אין וואָכן, אין טעג און אין שעהן.

אַז איך זאָל אַדורך אָט די אײַזערנע בריק,
נאָך יאָרן פון רויב און הריגה,
געדאַרפט האָט דאָ דורכגיין אין פײַער און גליק
מײַן רוסישער ברודער — דער זיגער!
איצט הענגט דאָ א לייזונג מיט ליכטיקער שריפט:
— „די יוגנט פון פעלקער — ווילקאָמען!"
די ליבשאַפט, וואָס ראָט אויס דאָס שלעכטס און דעם גיפט —
אָט דאָס איז די גרעסטע נקמה!

פראַנקפורט ביים אָדער, 9 אויגוסט 1951

עמיגראַנטן

פֿון לאַנד זענט איר אַוועק אין יענע טעג,
ווען אַלץ האָט אונטער אייך זיך איינגעבראָכן.
דאָס לעבן איז געווען ווי אַ געיעג
און ברויט צו זעט — געווען איז אַ נצחון.

די צוגעבונדנקייט צו היים און ערד,
דאָס הייליקסטע, דער שונא האָט פֿאַרשפּיגן.
פֿון הונגער דאָס געשריי האָט איר געהערט
און אייער ליבשאַפֿט האָט דערפֿאַר געשוויגן.

נאָר אין די ווייטע טומלדיקע שטעט
האָט קיינער נישט געקאָנט דערפֿאַר באַצאָלן;
און נישט געשטילט האָט זיך אין אייער זעט
די בענקשאַפֿט נאָך די פּוילישע טאָפּאָלן.

פֿון זיי האָט אייך פֿאַרשטעלט בלויז דאָס געשריי,
דאָס נישט־פֿאַרשטענדלעכע פֿון פֿרעמדע גאַסן.
נאָר טיף אין האַרצן האָט געקלעמט דער ווײ,
דער חלום האָט געריסן פֿון אייך פֿאַסן.

דער פֿרילינג וואָס האָט איין מאָל בלויז געגרינט
איז פֿולער נאָך און זאַפֿטיקער געוואָרן;
איר הערט, ווי ס'רעדט דער זעלבער מילדער ווינט
גאָר אַנדערש ווי אין הונגעריקע יאָרן.

נאָר איבער גרענעצן און ימען ווייט
פֿאַרשטעלן פֿון דער היים אַזױפֿיל לענדער,
און צווישן איר און אייך וואַקסט אויס די צייט
וואָס האָט, ביז נישט דערקענען, אַלץ געענדערט.

אַמעריקאַנער סטיל

די בלומען בליִען אינעם שאָטן פֿון דעם טויט,
דעם שניטער פֿרייט נישט מער דאָס אויפֿגיין פֿון דעם ברויט;
אין שווערע וואָלקנקראַצערס ווערט דערשטיקט דאָס ליכט,
דאָס לעבן איז א צופֿאַל און דאָס שטאַרבן — אומגעריכט.
רעקלאַמעס נאַרן אָפּ און זאָגן צו די פֿרייד,
פֿון מעגאַפֿאָנען הילכט די פּראָפּאַגאַנדע־רייד.
אַ מתנה ליגנערס שרייט אָן אויפֿהער וועגן גליק
אין לאַנד, ווו ס'ווערט די פֿרייהייט ווילד דערשטיקט.
די ביכער רעדן אָן די בירגער צום געייעג
נאָך בלוט און שווייס, נאָך גאָלד, נאָך רויב פֿון פֿרעמד פֿאַרמעג.
די געלע צייטונגען פֿון זנות, פֿון שונד און האַס —
זיי טוען נאַקעט אויס דעם מענטש אינמיטן גאַס,
פֿאַרשוועכן אים מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן בילד,
און אויב עס טרעפֿט זיין הויט איז שוואַרץ — זיי ווערן ווילד.
פֿאַר יעדער איינער זאַך איז פֿעסטגעשטעלט א פּרייז:
פֿאַר ליבע, פֿאַר פֿאַראַט, פֿאַר טויט, פֿאַר טיפֿוס־לייז.
און בלויז דער מענטש, דער שטאָלציער הערשער פֿון דער ערד,
בלויז ער האָט דאָרטן נישט דעם מינדסטן ווערט.

פאַלשע דיכטער

מיט פרומע מינעס און פאַרגלאָצטע אויגן
זיי קלייבן אויס די ווערטער אָן געאייל.
די שפּראַך ווערט מיט אַ שקר־גלאַנץ פאַרצויגן
און יעדעס וואָרט ווערט אַ פאַרסמטע פייל.

מיט הערצער אָנגעשוואָלענע פון ליגנס,
מיט אויגן אויסגעפרעסן פון פאַראַט —
דאָס גאַנצע לעבן ווערט דורך זיי פאַרשוויגן,
אַבי דער עגאָאיזם זאָל כלייבן זאַט.

דאָס פּראָסטע טאָג־ליכט איז פאַר זיי אַ קללה,
אַ ברכה איז פאַר זיי די שוואַרצע נאַכט,
און אין אַ נעץ פון אויסגעטראַכטע כללים
זיי האָבן פאַר דעם דרויסן זיך פאַרמאַכט.

זיי זאָגן, אַז די אייביקייט דערגרייכן
מען קאָן בלויז, ווען מען איז פון מענטשן ווייט,
נאָר נישט פאַרבלייבן וועט פון זיי קיין צייכן
אויף אונדזער גרויסער וואונדערלעכער צייט.

זיי זאָגן, אַז אין שלאַכטן, אין געפאַרן
די מוזעס שווייגן אומעטיק, פאַרווירט.
זיי ווייסן, אַז בלויז זיך אליין זיי נאַרן —
זיי ווייסן, אַז צום קאַמף דאָס ליד אונדז פירט.

דאָס שיינע ליד, וואָס גייט פון עדעלשטאַטן,
וואָס פרץ האָט מיט ליבשאַפט דורכגעגליט —
דאָס וואָרט פון דיכטער, וואָס וועט נישט פאַראַטן
דעם אמת פון דעם לעבן און פון ליד.

אַ צופאַל

מיר האָבן אויף אַ ווייל בלויז זיך באַגעגנט.
דער ווילדער צופאַל האָט צונויפגעבראַכט אונדז
אויף יענעם אָרט, וווּ ס'קרייצן זיך די וועגן,
כּדי איך זאָל דערזען דיך און — פאַראַכטן;

אין מיינע אויגן וועסטו באַלד פאַרשווינדן
נישט בלויז פאַר מיר, נאָר אויך פאַר אַלע צייטן.
דאָס לעבן קאָן דיך מער צו זיך נישט בינדן
און וועט דיך אויף פאַרגעסנקייט פאַרבייטן.

דזשומע

ער שטייט אין וואשינגטאָן אויף דער טריבונע —
פון האַס איז גרין און אויסגעקרומט זיין פּרצוף.
זיין לשון איז ווי אַ פאַרסמטער ברונעם,
וואָס אָטעמט אויס פון זיך מגפות שוואַרצע.

פון זיינע אויגן פליען גרינע פונקען,
זיין מויל שפּריצט אויס דעם גיפט פון די געדערים.
די ווערטער אין דער צביעות אָפּגעטונקען —
פאַרוואַנדלען זיך אין פליענדיקע ווערים.

צו כינע און קאָרעע זיי דערגרייכן,
כדי דאָס גאַנצע לעבן אויסצוראָטן.
און יעדער וואָרעם, ווי אַ היטלער־צייכן —
דעם האַקן־קרייץ דערמאָנט ער מיט זיין שאָטן.

נאָר אויף דער ערד פון שלאַכטן און דערפּאָלגן
שטייט אויף דער צאָרן און דעם טויט פאַרהאַלט ער,
און יאָגט צוריק קיין וואַשינגטאָן דעם וואָלקן
פון דזשומע און פון טרומאַנס מיטלאַלטער.

מיט האַס און פאַראַכטונג

איר האָט זיך גענומען די רעכט צו פאַרהאַנדלען
דעם אָנדענק פון מאַמעס און ברידער,
איר האָט זיך גענומען די רעכט צו פאַרוואַנדלען
אין געלד — די צעריסענע גלידער.

און איר האָט באַוויזן צו וועגן און מעסטן
דעם ווערט פון פאַרברענטע מיליאָנען —
איר האָט זיך דערלויבט ביי די דייטשישע טרעסטן
דאָלאַרן פאַר לעבנס צו מאָנען.

מיר רופן די טויטע אַרויס פון די פלאַמען
און זאָלן זיי קומען אהער דאָ
און זעען, ווי איר זעצט זיך ווידער צוזאַמען
מיט זייערע רויבער און מערדער.

זיי קענען אייך גוט פון געזיכט און כאַראַקטער —
זיי האָבן דערקענט די פאַרטעטער,
וואָס האָבן געפירט זיי צו צוגן פאַרפאַקטע
פון „אומשלאַג" אין וואַרשעווער געטאָ.

אָ זעט, ווי זיי גייען אין רייזיקע מענגעס —
פון צאָרן אין לעבן געבראַכטע —
און רינגלען אַרום אייך אַלץ ענגער און ענגער
מיט עקל, מיט האַס, מיט פאַראַכטונג!

פרעמדע

פאַר די, וואָס האָבן זייער לעבן אָן אַ זין צעטרענצלט,
געוואַנדערט אויף דער אויבערפלאַך פון לענדער, ווי דער טרויער,
און קיינמאָל נישט געזען קיין זון קיין אייגענע אין פענצטער —
פאַר זיי האָב איך אין הארצן בלויז רחמנות און באַדויער.

זיי האָבן קיין שום אָרט אויף זייער וועג נישט אָנגעוואַרעמט
און אומעטום אריינגעכאַפּט בלויז ברעקלעך און שיריים.
די ערשטע זענען זיי אַנטלאָפן פון די מינדעסטע געפאַרן,
נאָר נישט געלונגען איז זיי פונעם פחד זיך באַפרייען.

זיי פלאָנטערן די נעמען פון די שטעט און פון די גאסן
און זייער אויער נעמט נישט אויף דעם אונטערשיד פון שפראַכן.
די גאַנצע ערד צעשניטן איז פאַר זיי אין גרויע פאַסן —
די וואָגל־וועגן קאָנען זיך פאַר זיי שוין נישט פאַרמאַכן.

צו קיין שום באָדן האָט זיך זייער פרייד נישט צוגענומען,
זיי האָבן נישט פאַרלאַנגט די רעכט פון בירגער און פון שכנים.
ביי זייער לעבן איז די לופט אַרום געווען אַ שטומע,
ביי זייער שטאַרבן וועט דער ווינט אפילו אויך נישט וויינען.

זיי זענען מיר אַ שאָד, כאָטש כ׳ווייס, אַז ס׳וועט שוין גאָרנישט העלפן;
כאָטש כ׳ווייס, אַז ס׳פרעסט זיי אויף דער זשאַווער פון דער קנאה.
אין זייער אונטערגאַנג זיי פרווון מאַכטלאָז מיך פאַרשעלטן —
זיי קאָנען מיר מיין איינגעוואָרצלטקייט אין לעבן נישט פאַרגינען.

פאַר זיי

פאַר װעמען ס'איז פרעמד נאָך די פשוטע פרייד
פון אַרבעט און אָפּרו, פון זיכערן ברויט;
פאַר װעמען דאָס לעבן איז פּונקט װי אַ קײַט —
כסדר אויף עטלעכע טריט בלויז פון טויט —
צו זייער געשריי איז מײַן אויער איצט װאַך.

פאַר װעמען דער גורל איז — ביטערע מי
און בלוט אויף די גאַסן פון שטיינערנע שטעט;
פאַר װעמען די אײנציקע טרייסט איז דאָס ליד
פון פּאַבלאָ נערודאַ און נאַזים היקמעט —
פאַר זיי איז איצט אָפן מײַן האַרץ און מײַן שפּראַך.

פאַר אַלע, װאָס װערן גערויבט און געשטיקט
דורך גענגסטער־באַנקירן פון רײַכן ניו־יאָרק.
פאַר די, קעגן װעמען עס װערן געשיקט
די שקלאַפן־אַרמייען אויף רויב און אויף מאָרד —
צו זייער געשריי איז מײַן אויער איצט װאַך.

פאַר די, װעמענס ליבשאַפט צום אייגענעם פאָלק
איז — שנאה צו די, װאָס פאַרברענען פהעניאַן;
פאַר אַלע, װאָס האָבן אַ טייל אין דערפאָלג
פון קאַמף פאַרן גליק פון דער װעלט און פון לאַנד —
פאַר זיי איז איצט אָפן מײַן האַרץ און מײַן שפּראַך.

צו מאַנילאָס גלעזאָס *

דיין היים געהער צו יענע וווּנדער־לענדער,
וווּהין מען קאָן דערגרייכן אָן אַ רייזע —
די בערג, געהילט אין נעפּל און לעגענדע,
און דעם אַקראָפּאָל צווישן אַלטע הייזער
זע איך אין מילדע, ליכטיקע קאָנטורן,
וואָס קאָנען, דורך יאָרטויזנט, זיך נישט בייטן.
נאָר אין דיין נאָמען, גלעזאָס, האָט די גבורה
אַ קלונג געטאָן מיט רום פון אַלטע צייטן.

איך ווייס, אַז יעדע שיינקייט איז פאַרשידן
און כ'וויל מיין ערד מיט דיינער נישט פאַרגלייכן —
איך קום איצט פון די פּוילישע בעסקידן. —
אַריבער ימען און אַריבער טייכן
דיין אויסגעשריי פון אַוועראָפער תפיסה
האָט מיך ביז אין מיין רויטן בלוט געטראָפן.
האָב איך פון בערג דעם נעפּל אָפּגעריסן —
מיין לאַנד זאָל בלייבן פאַר דיין אָנקום אָפן!

איך וויל דיך פון דיין בענקשאַפט נישט פאַרשטעלן,
און נישט — פון פאָלק און קאַמף, וואָס איז דיר טייער.
איך ווייס, אַז דיר וועט אין מיין לאַנד געפעלן;
דאָס שענסטע וואָס איז דאָרטן דאָ — די פרייהייט!
מיט איר וועסטו פאַרהיילן דיינע לונגען,
כדי זאָלסט קאָנען צום אַקראָפּאָל גרייכן
און דאָרטן זאָל אויף אייביק דיר געלונגען
פאַרשטעכן אונדזער פאָן — דעם פרייהייט־צייכן.

קריניצע, 12 אָקטאָבער 1951.

---

* מאַנילאָס גלעזאָס — דער גריכישער פרייהייט־קעמפער און אַקטיווער אָנטיילנע־מער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, וועלכער איז דורך די גריכישע מאָנאַרכאָ־פאַשיסטן אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער אַוועראָפער טורמע, ווו ער איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז.

אזיל

די רעגירונג פון דער פוילישער פאָלקס־רעפובליק האָט אויסגעדריקט איר גרייטקייט צו צו געבן אזיל די צום טויט־פארמשפטע עטל און יוליוס ראָזענבערג. די אמעריקאנער רע־גירונג האָט די ווענדונג אָפּגעוואָרפן.

מיר קענען פון פרייהייט דעם פרייז און דעם ווערט —
מיר זענען דאָך אליע פון קנעכטשאַפט באַפרייט.
נישטאָ קיין געראנגל, קיין קאַמף אויף דער ערד,
וואָס זאָל פאר אונדז זיין אומפארשטענדלעך און ווייט.

אין הילכיקן רויש פון דעם ארבעטס־געוויג —
מיר הערן דעם רוף פונעם גריכישן פאָלק,
און יעדע דערגרייכונג פון אונדזערע טעג
מיר ווילן פארוואנדלען אין זיינס א דערפאָלג.

אינמיטן פון גליקלעכן שלאָגלער־געוועט —
ביים אויוון „קאַשטשושקאָ", ביים אייביקן פלאַם,
מיר זעען ווי ס'נעמט־איין די דערפער און שטעט
די העלדישע יונגע ארמיי פון וויעטנאַם.

אויף פלעצער פון ווארשע, אין פרייעלעכן טאַנץ
פון אונדזערע ליכטיקע טעכטער און זין —
מיר ווייסן, אז ס'איז אונדזער פרייד נאָך נישט גאַנץ,
כל־זמן ס'איז נישט גאַנץ נאָך דאָס פאָלק פון בערלין...

און אויך אין דעם אָפּרו, אין פרידלעכע נעכט,
ווען ס'לייכטן די שטערן און שטעט אין דער שטיל,
באַקומען די קעמפער פאר פרייהייט און רעכט —
אין אונדזערע טרוימען די רעכט פון אזיל.

מיר גיבן זיי אָפּ אונדזער לופט, אונדזער ברויט
און שליסן זיי איין אין אַ האַרציקן בונד:
די ראָזענבערגס ווערן באַפרייט פונעם טויט,
און גלעזאָס, דער גריכישער העלד, איז מיט אונדז.

מיר גיבן קאָרעישע קינדער די פרייד,
און אַרבעט — די קעמפער פון שיינעם מאַדריד.
באַפרייטע, מיר זענען צו טיילן זיך גרייט
מיט פרייהייט און פריינדשאַפט, מיט ברויט און מיט ליד.

צו דער באַפרייונג פון קעסעלרינג און מאַנשטיין

די קינדער, וואָס האָבן געזונגען, געבעטלט
און מ'האָט זיי אין געטאָ, ווי בלומען צעטרעטן,
דיביימער, וואָס שטייען ביים וועג קיין אָשוויענטשים
און האָבן געזען די פאַרמשפּטע מענטשן,
די ווינטן וואָס האָבן געהערט די געוואַלטן
פון יענע, וואָס וויסן נישט ווו זיך באַהאַלטן,
די העלדן פון פאַוויאַק, די העלדן פון גראָכאָוו,
וואָס האָבן ביים שטאַרבן געטראַכט פון נצחון,
די מענער און פרויען פון דערפער פאַרברענטע,
וואָס האָבן מיט פייער אויף פייער געענטפערט —
זיי אלע, זיי אלע, זיי קומען און מאָנען
די קעפּ פון די מערדער און פעלקער־תּליינים,
און וואַרטן אָפּ רואיק מיט גרויזאַמע אויגן,
עס זאָלן די תּליה־שטריק ווערן פאַרצויגן
אויף העלדזער פון מערדער.

צו די חברים אין ישראל

איך האָב אייך פון מיין בליק נאָכגישט פארלוירן —
חברים מיינע אין דעם לאַנד ישראל! —
איך קען דעם קאַמף אַנטקעגן האַרטן גורל,
אַנטקעגן די געפאַרן, וואָס אייך דראָען.

דער ים — אָן אָפן פענצטער צו די פעלקער —
איז פינצטער און פאַרמאַכט ביי חיפהער ברעגן.
נישטאָ קיין פרישער ווינט, די גראָזן וועלקן,
כאָטש פון די הימלען גיסט א ווינטער־רעגן.

די בענקשאַפט צו די טייכן פון די סלאַוון,
לעבט אַלץ נאָך אין דעם האַרץ, אין די געדאַנקען.
איר הייבט די אויגן אָפטמאָל אויף צום האַפן:
צי האָט נישט דאָרט א שלום־שיף פאַראַנקערט?

איר טרעפט דאָרט ווידער אָן אויף די געשטאַלטן,
וואָס ווילן אייך דערמאָנען יענע צייטן,
ווען שפיצלעס האָבן אייך געפרווט פאַרהאַלטן
און אייער פרייד — אויף טורמע־ווענט פאַרבייטן.

נאָר איר — איר שפאַנט מיט אויסגעצערטע גופים,
דורך רעגנס און דורך טריקעניש־כאַמסינען,
אַנטקעגן יענע פינצטערע פרצופים —
די אָנגעגאָסענע מיט בלוט און שנאה.

איר ווייסט: צו אייך געהערן וועט האָס לעבן,
און ס'וועלן ברעגן אייערע זיין אָפן
צום פאָלק, וואָס האָט די פרייהייט אונדז געגעבן —
צום ברידערלעכן גרויסן לאַנד פון צפון.

קים טשאַל־יון

אין לאַנד, וווּ ס'וועֶרט אין רויך דערשטיקט די זון —
דאָרט האָט געוווינט אַ ייִנגל קים טשאַל־יון.

אַ געלע הויט געהאַט, און שוואַרצע האָר,
און ווי מײַן טאָכטער — אַלט געווען צען יאָר.

ער וואָלט, ווי זי, געגאַנגען איצט אין שול
און זײַן טאָרניסטער וואָלט געווען פֿול

מיט ביכער אין אַן אַנדער מאָדנער שפּראַך,
כּדי צו לערנען זיך די זעלבע זאַך.

איך וואָלט אים אפֿשר קיינמאָל נישט געקענט,
נאָר פֿון נאַפּאַלם איז איצט זײַן הויט פֿאַרברענט.

איך האָב אין צײַטונג הײַנט געזען זײַן בילד —
פֿון ווייטיק איז מײַן בלוט געוואָרן ווילד.

ער האָט קיין ברעמען נישט, זײַן הויט איז הויל,
פֿון זײַנע אויגן קוקט אַרויס דער גרויל.

ער שלאָפֿט נישט און ער ווייסט נישט פֿון קיין רו,
די אויגן מאַכן קיינמאָל זיך נישט צו —

זיי זענען שטענדיק מאָנענדיק און וואַך,
און יעדן איז פֿאַרשטענדלעך זייער שפּראַך.

און יעדן אײנעם איז ער ווי אַ זון —
דאָס ייִנגל פֿון קאָרעע — קים טשאַל־יון.

1952

זיגעריש געלעכטער

די פליגל טויגן צו די ווייטע שטערן
און די פאנטאזיע — צו די דרייסטע פלענער.
ווו איז דער כוח, וואס זאל קאנען שטערן,
אז אונדזער שיינע ערד זאל ווערן שענער?

א שווארצע באמבע־פויסט צעשטויבט קארעע
און אין די פלאמען שרייען קליינע קינדער.
נאר קיין שום רויך פארשטעלט נישט ווען מיר זעען
דאס ווערק פון סטאלין — אונדזער גליק־דערפינדער.

פון די מאלאיען שטארבנדיקע ברידער
און פון דעם אינדזל קאושעדא די העלדן —
אויך זיי דערהערן פארן טויט די לידער
פון רוסלאנד וועגן ניי־געפלאנצטע וועלדער.

און אין דער לעצטער רגע פונעם שטארבן
זיי קוקן דרייסט מיט אויגן פון געדעכטע, —
פון פינפטן פינפיאר, פון די גרינע פארבן
דערגרייכט צו זיי א זיגעריש געלעכטער.

1952

אונדזער געזאַנג

די קראַפט פון דעם מענטשלעכן קול
באַקליידט מיט דעם כישוף פון ניגון
איז שטאַרקער פון שטיין און פון שטאָל —
דער טויט וועט דאָס ליד נישט באַזיגן.

דאָס וואָרט ווערט באַהאַפטן מיט קלאַנג
און ווערט ווי דאָס לעבן, אומענדלעך.
ווי מעכטיק איז אונדזער געזאַנג,
וואָס מאַכט אַלע שפּראַכן פאַרשטענדלעך!

דער ריטעם די רייען פאַרבינדט
און הילכט אין די טריט פון מיליאָנען —
צום קאַמף גייט די מענטשהייט און זינגט
דאָס ליד פון די ליכטיקע פאָנען.

זי טראָגט איבער גרענעץ און ים
דעם פאַקל פון ליבשאַפט און צאָרן.
פון וואָרט און פון ניגון דער פלאַם
וועט לייכטן אויף אייביקע יאָרן.

אין ליכט פארטרויט

צו יוליוס און עטל ראָזענבערג

די זאָרג און אַנגסט פאַר אייער גורל
פאַרשווינדן מער נישט אויף קיין רגע.
אין לאַנד פון שנאה און פון מורא,
וואו ס'הערשט דאָס רעכט פון לינטשן נעגער,
וווּ ביזנעס־לייט באַשטימען ריכטער
און ליכט־ענערגיע פאַר תלינים —
דאָרט פירט איצט לינקאָלנס געשיכטע
די שלאַכט מיט אירע גרעסטע שונאים.

מיט אייער ליבשאַפט לעבט איר ביידע
שוין יאָרן הינטער שוואַרצע קראַטן.
מען וויל אייך מיט דעם לעבן שיידן,
נאָר איר — איר וועט עס נישט פאַרראַטן!
אין טורמע־וואָנט היט איר דעם גלויבן,
אַז ס'וועט די פרייהייט אייך געהערן —
די טויט־שרעק וועט זי נישט צעשטויבן
און וואָל־סטריט קאָן זי נישט פאַרווערן!

ווער וועט דעם וועג פאַר איר פאַרשפאַרן?
זי גייט פון אַלע קאָנטינענטן,
זי רייסט אַרויס זיך פון געפאַרן —
אויף פון קאָרעע דעם פאַרברענטן!
זי שפּאַרט פון לענדער קאָלאָניאַלע
און פון מדבריות די פאַרלאָזטע,
און איבער אָקעאַנען אַלע
זי קומט אין לאַנד פון פּאַקט און פּאָסטער!

5־טער יוני, 1953.

לאָמיר אַלע דעם טויט־שטראָם פֿאַרהאַלטן

אין מיין לאַנד גייט דער פֿרילינג אַריבער,
אין די זאַנגען גיסט אָן זיך דאָס ברויט.
נאָר איך טראַכט וועגן איינער אַ ליבע
אין סינג־סינג, צווישן לעבן און טויט.

און איך טראַכט וועגן פֿאָטער און מוטער,
וואָס מען האָט מיט די קינדער צעשיידט —
און דער פֿרילינג דער מילדער און גוטער
ווערט פֿאַרלוירן, מיט אים — אויך די פֿרייד.

און ס׳פֿאַרלעשט זיך די בלויקייט פֿון הימען,
און דער טוי פֿון די פֿעלדער פֿאַרשווינדט,
און פֿון צאָרן די ווייסל נעמט שוימען,
און אין שטורעם גייט איבער דער ווינט.

אין מיין בליק בלייבן שטיין צוויי געשטאַלטן
מיט פֿאַרקאָוועטע קייטן אויף הענט. — — —
— לאָמיר אַלע דעם טויט־שטראָם פֿאַרהאַלטן,
זאָל דער שלום נישט ווערן פֿאַרברענט!

15־טער יוני, 1953.

פאַר שלום און פֿרייהייט

— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד, אַ גוטע נאַכט! —
צי וועט די נאַכט דען ענדיקן זיך גוט?
צי וועלן היינט נישט ווערן אומגעבראַכט
צוויי מענטשן צוליב העלדישקייט און מוט?

— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד, אַ גוטע נאַכט! —
איך האָב מיין האַנט צום בלאָנדן קאָפּ געשטרעקט
און וועגן קינדער יענע צוויי געטראַכט,
וואָס צאַפּלען צווישן האָפֿענונג און שרעק.

— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד, אַ גוטע נאַכט! —
איך טרוי דיך אָן דעם שטילן, זיסן שלאָף.
איך וויים, אין וואַשינגטאָן דער מאָנסטער וואַכט,
זיין האַרץ איז פֿינצטער ביז צום סאַמע סוף.

— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד, אַ גוטע נאַכט!
מיין גרויסע האַרץ איז דיר דערהוויל פֿאַרוועדט. —
איצט ראַנגלען זיך צוויי העלדן אין דער שלאַכט
פֿאַר שלום און פֿאַר פֿרייהייט אויף דער ערד.

צוואנציקסטער יוני, איינס א זייגער ביינאַכט

מיין שלאָף האָט מען איבערגעריסן,
מיין רו איז געוואָרן צעשטערט.
דער זייגער שלאָגט האַרט און פאַרביסן:
דער טויט גייט ארום אויף דער ערד!

צום דרויסן מיין פענצטער איז אָפן —
א שטילע, צעשטערנטע נאַכט.
איצט גרייט זיך דער תליון באַשטראָפן,
דער תליון נעמט איבער די מאַכט.

איך הער נישט דעם ווינט זיך באַוועגן —
זאָל בלייבן פאַרגליווערט די שעה,
פאַרהאַלטן זאָל ווערן די רגע,
די ראָזענבערגס זענען נאָך דאָ!

עס שפאַנט שוין די האַלב-נאַכט אַריבער —
צוועלף מאָל די געפאַר זיך צעקלינגט.
די ערד ווערט געשלײַדערט אין פיבער,
דער מאָרד הייבט זיך אָן אין סינג-סינג!

מען פירט זיי ארויס פונעם קאַמער,
מען פרווט דעם עלעקטרישן שטראָם —
עס גרייטן צום מאָרד זיך צוזאַמען
די הענקער און ריכטער פון סדום.

און אָט ווערט דער שטראָם איינגעשלאָסן,
דער זייגער האַקט האַסטיק אָפּ: איינס.
אַמעריקע ווערט איצט פאַרגאָסן
מיט חושך און קינדער-געוויין.

אין ליכט פאַרטרויט

מיט לייב און לעבן אין דעם ליכט פאַרטרויט —
אַזוי געגאַנגען זענען זיי צום טויט.

ווי נישט צום שטאַרבן, נאָר צו אַ פאַרמעסט:
די הענט — געביילט, די ליפּן — ענג פאַרפּרעסט — — — —

די נעץ פון דעם פאַראַט איז אויסגעשפּרייט:
דער טעלעפאָן צום ווייסן הויז איז גרייט.

געגנוג איין וואַקל בלויז, גענוג איין וואָרט —
און אויף גענאָד פאַרביטן ווערט דער מאָרד.

נאָר ניין, זיי וועלן טריי זיין ביז צום סוף —
פאַר זיי איז נישט דער טויט די העכסטע שטראָף.

נאָך יאָרן פון טאָרטורן און פון פּיין,
וואָס קאָן פון אמת מעכטיקער נאָך זיין? — — —

נישט ווי פאַרמשפּטע, אין שרעק פאַרהעצט,
מען האָט זיי אויף דער אומקום־שטול געזעצט —

פאַרנומען האָבן זיי דאָס לעצטע אָרט,
ווי ריכטער וואָס פאַראורטיילן דעם מאָרד.

און ס׳איז געבליבן הענגען זייער פּסק
אויף דעם רעזשים פאַרהויבן ווי אַ האַק.

דער אמתער ריכטער

די צווייִ ליכטיקע מענטשלעכע לייבער
גייען אויף אין סינג־סינג ווי א פאַקל —
און פּחדנים מיט זייערע ווייבער
קוועלן אָן פון דעם ווייסטן ספּעקטאַקל.

דאָס געוויסן, וואָס קעמפט און וואָס ווערט זיך
הערט נישט אויף איבער לענדער צו כוואַליען —
מיליאָנערן און הערשער אָן הערצער
אַפּלאָדירן דעם פינצטערן תּלין.

דער פּראָטעסט — פון אייראָפּע דער צאָרן —
ווי א דונער הילכט אָפּ אין די רוימען —
און עס קוויקן זיך איצט סענאַטאָרן
מיט דעם ווייגען פון יונגע יתומים.

זאָלן אײַלן די מענטשהייט־פאַרשווערער,
אז דער חושך זאָל ווערן געדיכטער:
אויך אין לאַנד פון די ריכטער־פאַרברעכער
איז פאַראַן שוין א ריכטיקער ריכטער.

נישט בלויז דוגלאַס וועט בלייבן זיין נאָמען,
נישט פאַראייניזאַמט וועט זיין די גבורה —
מיטן פאָלק אין געכטער נקמה
וועט ער גרייכן אזוי ווי א שטורעם.

אַ קללה די מערדער!

אַ קללה די מערדער אָן הארץ און געוויסן,
וואָס האָבן דעם פרילינג אונדז איבערגעריסן,
פאַרשלאָגן די דופטן פון וואקסן און בליען
מיט ריחות פון מענטשלעכע לייבער, וואָס טליען,
פאַרגאָסן מיט חושך די ליכטיקע טרוימען,
פאַרטויבט אונדזער פרייד מיט געוויין פון יתומים —
אַ קללה די מערדער!

אַ קללה די מערדער אָן ליבע און גלויבן,
וואָס לעבן פון בלוט, פון שאַנטאַזש און פון רויבן.
זיי האָבן קאַרעע אין חורבות צעשאָטן,
זיי האָבן די ריינסטע געפילן געטראָטן,
געפרווט צו פאַרוואַנדלען די פעלקער אין בעטלער
און מוטיקע מענטשן — אין שוואַרצע פאַרעטער —
אַ קללה די מערדער!

אַ קללה די מערדער אָן ליכט אין די אויגן,
וואָס האָבן פון קריג בלויז רווחים געצויגן,
זיי וואַרפן אין פייער איין פאָלק קעגן צווייטן,
און ווילן די הערשאַפט פון שנאה פאַרשפרייטן
מיט שרעק און טעראָר איבער ימים און לענדער —
זיי האָבן אַמעריקעס כבוד געשענדעט —
אַ קללה די מערדער!

אַ קללה די מערדער אָן צוטרוי צום לעבן,
וואָס האָבן די טעכניק דעם טויט אָפּגעגעבן.
זיי האָבן די מעכטיקע קראַפט פון אַטאָמען
פאַרשמידט אין געווער פון דער געגנטער-נקמה,
זיי האָבן מיט עדיסאָנס ליכטיקן לעמפּל
דעם אומקום פון לינקאָלנס פרייהייט געשטעמפּלט —
אַ קללה די מערדער!

צו מיכאל און צו ראָבי

ווי אַלע מאָל — די זון איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי,
די שוואַלבן האָבן זי באַגריסט אין טומלדיקן פלי.

די שטאָט האָט ווידער זיך אין רויש פון אַרבעט אויפגעוועקט,
אַ שטילער ווייטיק בלויז האָט פון מענטשן צוגעדעקט.

אין טראַמווײַ האָט אַן אַרבעטער געבעטן מיך דאָס בלאַט
און שטיל געזאָגט: עס האָט זיי אומגעבראַכט דער קאַט.

איך האָב געזען: ער האָט מיט אַלע כוחות זיך געוועהרט,
אַז זײַנע אויגן זאָלן בלײַבן טרוקן, נישט פאַרטרערט.

איך האָב געזען: ער איז געוואָרן אויף אַ רגע בלאַס,
ווען ס'האָט פאַרגאָסן אים אַ בלײַכע כוואַליע פון דעם האַס — — — —

נאָר ס'איז אַרײַן אין זײַנע רעכט דער שאַפנדיקער טאָג,
מיט יעדער שעה איז פון דער מי אים צוגעקומען וואָג.

מען האָט אַרײַנגעשטעלט די שויבן אין אַ נײַעם בלאָק,
דער פּאַלאַץ פון קולטור איז אויסגעוואָקסן מיט אַ שמאָק;

דאָס לאַנד האָט איבער אַלע זײַנע וועגן זיך געוויגט,
און נאָוואַ-הוטאַ האָט געמאָלדן אירס אַ פרישן זיג;

פון פאָרט אין שטשעטשין איז אין ים אַרויס אַ נײַע שיף — — —
און אין אַ שול געשריבן האָט אַ קינד אַזאַ מין בריוו:

„צו מיכאל און צו ראָבי ראָזענבערג, צו מײַנע פרײַנד!
מיט אײַך בין איך אין אײַער טרויער און אין אײַער פײַן.

די מערדער האָבן אײַך געפּרוווט פאַריתומען, נאָר ניין —
איר זענט נישט און איר וועט נישט בלײַבן אויף דער וועלט אַליין".

האפענונג

צום פרילינג איז ווידער איצט אָפן מיין האַרץ

צום פרילינג איז ווידער איצט אָפן מיין האַרץ —
נישט אַלץ איז פאַרוויסט און נישט אומעטום — שוואַרץ,
נישט אַלץ האָט צעבראָכן דער בלוטיקער פיינט —
עס טרעפט, אַז אַ שויב פון מיין קינדהייט נאָך שיינט,
און דעמלט געשעט אַזאַ זעלטענער נס,
אַז פונקט ווי אין טויט — איך מיין פיין איך פאַרגעס,
און ס'פאַלט אויף מיר אָן אומגעריכט יענע פרייד,
וואָס כ'קאָן נישט געפינען פאַר איר קיין באַשייד,
ווי כ'וואָלט נישט אַ הוילער אַרויס פונעם פלאַם —
אַ בוים מיט אַ שוואַרצן, פאַרשרפעטן שטאַם.

איך מאַך אַ פאַרעקשנטן, שווערן פאַרזוך,
ווי פטור צו ווערן פון שרעקלעכן שפרוך,
אַז איך בין געבליבן פון אַלע — אַליין —
דער שפרוך, וואָס איז האַרט און איז שווער ווי אַ שטיין.
איך ווייס, אַז סאיז ליידיק געבליבן אַן אָרט,
אַז מענטשלעכע הענט זענען שולדיק אין מאָרד,
איך ווייס, אַז דאָס איז נישט געווען קיין טייפון —
צי האָב איך דען ווייניק דערציילט נאָך דערפון?
און דאָך בין איך זיכער, אַז ס'וועט נאָך דאָס גוטס
און שיינס פונעם לעבן מיר קומען צונוץ.

איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל דינען מיין קראַפט,
איך וויל, אַז מיין קיום זאָל האָבן אַ האַפט,
איך וויל מער פון אומגליק נישט בלייבן פאַרטויבט,
איך וויל מער נישט זיצן אין אַש און אין שטויב —
איך וויל קיין באַדויערטער מער שוין נישט זיין —
אַ, ליכטיקע זון, אין מיין בלוט דרינג אַריין!

אין געטאָ

דאָ איז אַדורך דער אַנגעגליטער האַס,
דאָ האָט געריעדט די אייביקייט דורך פייער,
דאָ האָבן אויפגעפלאַקערט גאַס נאָך גאַס
אויף צו באַלייכטן אַלץ, וואָס איז אונדז טייער.
איך זוך דאָס וואָרט, דעם כישופדיקן שפּרוך —
די שטילקייט זאָל מיר ווערן אויפגעעפנט.
אומזיסט די מאַטערניש, אומזיסט איך זוך —
איך קאָן צום ווונדערלעכן וואָרט נישט טרעפן.
פאַרפאַלן אין דער הוילקייט ווערט מיין רוף,
עס קומען צריק בלויז עכאָס פון די נעמען —
און ענטפער אויף מיין אָנגעשטרענגטן פרוו:
— צו וואָס איז דיר דאָס נייטיק? און פאַר וועמען?

ניין, כ'וויל נישט יאָמערן קיין ליד-געוויין,
וואָס זאָל פון לעבן און פון זון פאַרשטעלן —
אַ מאָנומענט פון וואָרט אַנשטאָט פון שטיין
פאַר אייער העלדישקייט וויל איך איצט שטעלן!
און אויב איך רוף צוריק אייך פונעם פלאַם
און וויל אייך מיט דער קראַפט פון ליד באַשווערן,
איז דאָס דערפאַר, ווייל כ'וויל, אַז אייער קאַמף
זאָל דינען אונדזער קאַמף און אים געהערן!
איך וויל — איר זאָלט פאַרנעמען אייער אָרט
און פון דער צייט נישט ווערן אויסגעריסן,
אַז אין דער שלאַכט פון שלום קעגן מאָרד
זאָל אייער טאַט צעטרייסלען דאָס געוויסן!

באַווייזט זיך ווידער אויף א קורצער וויל —
אָ, ליכטיקע און טייערע געשטאַלטן,
און זאָל דאָס לעבן אין זיין העל געאייל
פאַר אייער שיינעם אָנדענק זיך פאַרהאַלטן.
דער מענטש, וואָס וווינט שוין אין דעם נייעם הויז
זאָל וויסן, אַז איר האָט אין הויז א חלק;

דאָס קינד, וואָס קוקט פון פענצטער דאָרט אַרויס
זאָל וויסן, אַז דאָס גאַנצע אָרט איז הייליק. —
באַוועגט זיך ווידער אין דער גאַנצער פּיין
און אין דעם רויך פון ברענענדיקן געטאָ,
און זאָל פון אייער העלדישקייט די שיין
באַלייכטן אונדז דעם וועג אויף איצט און שפּעטער!

איך בעט דיך נישט...

איך בעט דיך נישט דו זאָלסט זיין צו מיר מילד —
מיין האַרץ ווערט סיי־ווי אָפּט פון אומרו ווילד,
ווען כ׳גראָב זיך אין די שווערע גרודעס רייד
און זוך ווי שפּורן פונעם גאָלד — די פרייד.

ווי נאָר איך זע א לייכטנדיקן פונק —
איך כאַפּ דאָס וואָרט און ברענג עס אויף מיין צונג,
נאָר פונקט ווי משה ווער איך אָפּגעבריט
אין גאָלד און פייער פון מיין אייגן ליד.

דאָס וואסער אויסצושלאָגן פונעם שטיין
איז גרינגער — ווי דאָס ליכט פון ווייסע ציין,
און לייכטער אויך צו שפּאַלטן איז דעם ים
ווי אָפּצורייסן איין וואָרט פונעם פלאַם.

צי האָט די אייביקייט דען א געשטאַלט?
צי וועט אַמאָל דאָס לעבן ווערן אלט? —
איך שטרעק כסדר אויס פארגלייבט די הענט
און פיל נישט ווי זיי ווערן אָפּגעברענט.

איך בעט דיך נישט דו זאָלסט זיין צו מיר מילד.
צי ווייסטו, ווען מיין בלוט וועט זיין געשטילט?
ערשט דעמולט, ווען דער פלאם וועט זיין פארצערט,
ווען איך וועל מער נישט זיין שוין אויף דער ערד.

איך קאָן נישט שווייגן

ווי קאָן איך שווייגן?
אז אויך דער שטיין האָט אויפגעהערט צו שטומען.
דאָס פייער האָט אים היינט ארומגענומען
ביז ער איז לייכט און כוואַליעדיק געוואָרן —
א דענקמאָל פאַר די ברענענדיקע יאָרן.

ווי קאָן איך שווייגן?
אז אויך דער בוים מיט די געדיכטע צווייגן
קאָן מיך פון מיין זכרון נישט פאַרשטעלן —
די טויטע הערן אַלץ נישט אויף צו פעלן.

פון שבעה האָב איך זיך שוין אויפגעהויבן,
איך פיל די וואַרעמקייט פון זון און גלויבן,
נאָר זייער אָנדענק שווער איז מיר פאַרבייגיין —
ווי קאָן איך שווייגן?

מיין מאַמעס רוצחים הייבט מען אָן באַפרייען.
ווען יעדער טראָפּן בלוט זאָל קאָנען שרייען,
ווען יעדער שטויב פון אַש צום רוים זאָל שטייגן! —
ווי קאָן איך שווייגן?

פון זעקס מיליאָן בין איך נאָך דער שליח,
און פונקט אַזויפיל מאָל מיין האַס צעגלי איך,
מיט זייער כוח וויל איך איבערצייגן —
איך קאָן נישט שווייגן!

די זעלבע גאס?

די זעלבע גאס? איך קאָן זי נישט דערקענען,
זי הערט נישט אויף נאָך אין מיין בליק צו ברענען.

די הייזער ווערן אַלץ נאָך נישט פאַרלאָשן,
אַזוי איז מיט די ווערטער פון מיין לשון.

עס קנוילן נאָך די פונקען פונעם פייער,
אינמיטן זינגען ווילט זיך מיר נאָך שרייען.

דער ווינט טראָגט אַלץ אַרום נאָך דאָ דעם פלאַטער
פון אומלעגאַלע פענער און פּלאַקאַטן.

דער האַרבער און דער מאָנענדיקער ניגון
פון „אינטערנאַציאָנאַל" ווערט נישט אַנטשוויגן.

איך הער נאָך אַלץ די אָפּגעהאַקטע שאָסן,
איך זוך נאָך אַלץ דעם חבר לעוואַרטאָווסקי.

פאַרויס — די פרייד, און הינטער מיר — דער ווייטיק,
און צווישן זיי — דאָס אָרט וואָס איז נאָך ליידיק. — — —

מיט וווּנדיקע און בלוטנדיקע פליגל
רייסט אָפּ מיין ליד זיך פון די קופּעס ציגל

און הערט נישט אויף אין הויכקייטן צו קרייזן,
ביז וואַנען ס'הייבן אָן זיך צו באַווייזן

די זינגענדיקע, ליכטיקע המונים,
וואָס קומען אָן די זעלבע גאַס באַוווינען.

אַ יונגער ייִד מיט שוואַרצע אויגן

אַ יונגער ייִד מיט שוואַרצע אויגן
האָט היינט אויף מיר אַזוי געשריגן:
— מיין ווייב האָט מיר אַ זון געבוירן
און דאַרף אַ ליד אים צו פאַרוויגן.

זי האָט געפּרוווט זיך צו דערמאָנען
דאָס אַלטע ליד, דעם אַלטן ניגון,
האָט זי צעוויינט זיך און פאַרשטאַנען,
אַז איצטער איז דאָס ליד אַ ליגן.

זי האָט די נאָענטע פאַרלוירן,
איצט דאַרף דאָס איינע קינד געניגן —
מיין ווייב האָט מיר אַ זון געבוירן,
און דאַרף אַ ליד אים צו פאַרוויגן,

און אַלע לידער דיינע טויגן
צום וועקן בלויז און נישט צום וויגן. —
דער יונגער ייִד מיט שוואַרצע אויגן
האָט זיך געבייזערט און געשריגן,

און אויסגעפּרעסט ביי מיר אַ שבועה,
אַז איך וועל זוכן אַזאַ ניגון
צום וויגן גוטע און גוט צום רוען,
און גוט — דעם ווייטיק צו באַזיגן.

געלע סעקשטיין *

דיין שמייכל הערט נישט אויף מיך צו באגלייטן —
ער שיינט ארויס פון יענע ווייטע יאָרן,
ווען אַלץ, וואָס פלעגט דערפרייען דיך און וויי-טאָן
איז דורך דיין ליבשאַפט אייביקייט געוואָרן.

איך זע דיך ווידער גיין דורך שמאָלע גאַסן
פון אָרעמקייט און שרייענדיקן טומל.
די בענקשאַפט רייסט זיך דורך דעם ליכט דעם בלאַסן
און דורך דיין בליק — אין הארצן אויפגענומען.

אויף יעדן טראָט עס פרווון דיך פארהאַלטן
די פנימער, פארצווייפלטע און מידע,
די מיילער, אויסגעקרימטע פון געוואַלטן,
די וואָיענדיקע, בעטלערישע לידער.

וואָס זוכסטו דאָ? דאָס ליכט, וואָס איז דיר אייגן
און ווערט פון דער געדרענגעניש פארצויגן?
אָט שטעלט דיך אָפּ א הענדלערין פון בייגל —
א מיידעלע מיט גרויסע, שווארצע אויגן.

דו בלייבסט נשתומם, קאָנסט זיך נישט באַוועגן,
און אַנשטאָט דעם, אַז דו זאָלסט עפּעס קויפן —
דו הייבסט אָן מאָדנע זאכן אויסצופרעגן,
דאָס קינד דערשרעקט זיך און נעמט שנעל אַנטלויפן.

דו גייסט ארויף צו זיך אין קליינעם שטיבל,
און דיינע אויגן הייבן אָן צו העלן,
און דו פארשרייבסט דיין ווייטיק און דיין ליבע
אין לויטערע און שטילע אקווארעלן.

---

* געלע סעקשטיין — א יונגע, טאַלאַנטפולע מאָלערין, אומגעקומען אין ווארשע-
ווער געטאָ.

איך רעד איצט שטיל

איך רעד איצט שטיל, כאָטש אַלע ווערטער ברענען —
מיין טאָכטער דאַרף מיין ווייטיק נאָך נישט קענען.

מיר איז אַ שאָד אויף אירע שמאָלע אַקסלען
מיין לאַסט צו לייגן — זי באַדאַרף נאָך וואַקסן.

מיט יעדן איינעם טאָג איר הויט ווערט צאַרטער —
אַזוי פיל פרייד און פיין פאַרזיס דערוואַרט איר.

די אָרעמס אירע נעמט זי ערשט צעשטרעקן —
אַזוי פיל זאַכן דאַרף זי נאָך אַנטפּלעקן.

אין ראַנגלעניש מיט פאָרמולעס און ציפער —
זי גייט אין לעבן טיפער אַלץ און טיפער.

זי נעמט איין אַלע ווינקעלעך געהיימע
מיט טרערן פון אַנטציקונג און פון אימה.

נאַר איין זאַך מוז איך נאָך פאַר איר פאַרשליסן —
אָט דאָס דאַרף זי דערווייל זיך נישט דערוויסן.

איך וואַרט נאָך אָפּ: איר האַרץ זאָל ווערן רייפער
און אירע קינדערישע פויסטן — שטייפער;

איך וואַרט נאָך אָפּ: זי זאָל זיך קאָנען ווערן
אַנטקעגן דער פאַרבלענדעניש פון טרערן.

און דעמלט וועט איר מיין זכרון דינען
די פולקייט פונעם לעבן צו געווינען.

צו נייע קאַמפן

נישט גרינג איז אָנגעקומען דער נצחון,
נישט ווייניק בלוט האָט דאָס געדאַרפט צו קאָסטן
דעם שונאס קראַפט זאָל ווערן איינגעבראָכן —
נישט איינער איז געפאלן אויפן פּאָסטן.

נאָר נישט ווי גרויע נאָמענלאָזע העלדן
זיי זענען פון דער אויבערפלאך פארשוווּנדן.
צו נייע קאַמפן קומען זיי זיך מעלדן
מיט גליענדיקע נישט-פארהיילטע וווּנדן.

מיר רופן-אָן די נישט פארמעקטע נעמען
און די באַקאַנטע שטימעס מיר דערהערן.
די ערטער אין די רייען זיי פארנעמען,
כדי דעם אָנגריף-כוח צו פארמערן.

זיי גייען אויף די יום-טובדיקע מאַרשן,
זיי קומען צו דער וואָכעדיקער ארבעט,
זיי היטן אָפּ די ליבשאַפט אינעם הארצן,
זיי לערנען אונדז די וואַכזאַמקייט די הארבע.

דעם רום פון אונדזער עבר זיי דערמאָנען,
די סאמע ווייטסטע צוקונפט זיי דערבליקן.
זיי הייבן אויף די זיגערישע פאָנען
אויף ליכטיקע קוואַרטאַלן און פאבריקן.

אויף אייביקע און פעסטע פונדאמענטן
זיי שטייגן אויף צוזאמען מיט די בויער,
און אלע הייזער ווערן מאָנומענטן
פאר זייער אָנדענק און פאר זייער דויער.

אויף יענע טרעפּ, וואָס פירן צו מוראַנאָוו

נישט לייכט קומט אָן מיר איצטער אויפצושטייגן
אויף יענע טרעפּ, וואָס פירן צו מוראַנאָוו.
דער בליק איז קלאָר, נאָר ס'האַרץ וויל אַלץ נישט שווייגן —
ווו זענען מיינע נאָענטסטע פאַראַנען?

איך נישטער אין די פענצטער פון די הייזער,
אין מיין זכרון שווימען אויף די נעמען.
איך טראַכט, אַז באַלד וועט עמעץ זיך באַווייזן
און ווי א גאַסט — צו זיך אין שטוב מיך נעמען.

אָט איז די גאַס, וווּ כ'האָב געוווינט צוזאַמען
מיט אַלע מיינע אָרעמע און ליבע.
איך האָב אַמאָל געטרוימט, אַז אויך מיין מאַמע
וועט אין דעם שיינעם נייעם הויז אַריבער.

פאַר יעדן איינעם מענטש, וואָס איך באַגעגן
האָב איך א גרייטן צעטל מיט אַדרעסן,
נאָר ווען איך שטעל אים אָפּ און פרעג אים פרעגן —
פאַרליר איך זיך און הייב אָן צו פאַרגעסן.

און איך דערזע: ער הייבט מיך אָן פאַרבייגיין,
ער האָט אָן ווערטער אויך מיך גוט פאַרשטאַנען. —
נישט לייכט קומט אָן מיר איצטער אויפצושטייגן
אויף יענע טרעפּ, וואָס פירן צו מוראַנאָוו.

עלעגיע

ווען ס׳האָט דיין האַרץ שוין אויפגעהערט צו שלאָגן,
איז אויף דיין פּנים נאָך געווען דער שמייכל.
דער טויט האָט נישט געוואַגט אַוועקצוטראָגן
דעם אָפּשיין פון דיין ליבשאַפט און דיין שכל.

דיין בלאַסע האַנט איז שווייגנדיק געלעגן,
דאָס ליכט איז נאָך פון דיר נישט אָפּגעטראָטן.
דו האָסט זיך מיטן לעבן שוין געזעגנט,
נאָר נאָכנישט איינס געוואָרן מיטן שאָטן.

און אַלע דיינע ווייטיקן און פרײדן
געקומען זענען מיטאַמאָל צו שוועבן.
זיי האָבן נישט געוואָלט מיט מיר זיך שיידן,
און אויסגעלאָשן ווערן מיט דיין לעבן.

ווי האָב איך יענע שעה געקאָנט פאַרשוועכן
מיט אויסגעשרייען און מיט טרערן?
אַרומגעבלאָנדזשעט האָט א שטילער עכאָ,
בלויז איך אַליין האָב אים געדאַרפט דערהערן.

די שטים פון דיינע האַסטיקע פאַרלאַנגען,
דעם פלאַטער פון די יוגנטלעכע טרוימען,
דעם כאָר פון נישט פאַרענדיקטע געזאַנגען —
דער טויט האָט נישט באַוויזן נאָך צו צוימען.

אַצינד איז לייכטער...

אַצינד איז לייכטער שוין זיך צו דערמאָנען
די וויסטע שטאָט פון הונדערט טויזנט טויטע.
ביינאַכט איז אויפגעגאַנגען די לבנה,
אַן אָפּגעפליקטע, נאַקעטע און רויטע.

א שטאָט אָן פענצטער און אָן אינגעווייד.
א שטאָט — א מויל מיט אויסגעהאַקטע ציינער,
א שטאָט, ווו אַלע שיינקייטן און פרייד
פאַרוואַרפן ליגן מיט א קופּע שטיינער.

א שטאָט, ווו ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו ברעכן,
א שטאָט, ווו ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו רויבן —
א שטאָט אָן איין געשריי און אָן אן עכאָ,
אַ שטאָט אָן שאָטן און אָן ווילדע טויבן.

די אַלטע ביימער שטייען איינגעבראָכן,
אין גראָע אַש שטיקן זיך די גראָזן,
די ווייסל ווערט מיט גרינעם שליים פאַרלאָפן —
א שטאָט, וואָס בלויז דער ווינט האָט נישט פאַרלאָזן.

אַצינד איז לייכטער שוין זיך צו דערמאָנען
די וויסטע שטאָט פון ניינצן פינף און פערציק,
ווען אין די טרייע הערצער פון מיליאָנען
דער צאַפּל פון איר לעבן האָט דערהערט זיך.

ביז אַצינד נאָך

דאָרט, אויף די הימלען פון די קינדער־יאָרן,
איז ביז אַצינד נאָך ליכטיק נישט געוואָרן.

זיי ווערן דורכגעשניטן בלויז פון בליצן —
מיין שוואַכער טאַטע קאָן מיך נישט באַשיצן.

די קנוילן פון דער פינצטערניש זיך מערן —
מיין מאַמע קאָן מיך קעגן זיי נישט ווערן.

אין שלאָף ווער איך דערוואָרגן פון געפּאַרן —
איך ווער דערשטיקט און קיינעם וועט נישט אַרן.

מען קלאַפּט אין טיר און עמעץ שרייט דאָרט: עפן! —
כ'האָב מורא מיט דעם דרויסן זיך צו טרעפן.

א נאַפטע־לאָמפּ גיסט מיך אָפּ מיט רויטע פלעקן
און אַלע חפצים לויערן און שרעקן.

דאָס ציט זיך שרעקלעך לאַנג אַזוי און דויערט —
אומענדלעך, ווי אויף סמאַטשע־גאַס דער טרויער.

ייִדישע הויפן

ייִדישע הויפן פון מילע און ניזקע —
פינצטערע נעסטן פון הונגער און נויט,
אָרעמע קינדהייט, מיין קינדהייט, וווּ ביסטו? —
יאָרן אָן פרייד און אָן ברויט.

זאָרג אין די שטובן און שטויב אין די פענצטער,
טירן, דורך וואַנען מען קאָן נישט אַוועק,
אָרעמע קינדהייט, אָן האָפענונג קלענסטער —
יאָרן פון טרויער און שרעק.

מענטשן אָן שמייכלען, מיט אויגן פאַרצאָגטע,
מענטשן, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל געלאַכט,
אָרעמע קינדהייט, געהעצטע, געיאָגטע —
יאָרן פון פיין און פאַרדאַכט.

האַסטיקע רייד, און געוואַי, און יללה,
פּחד־געשרייען פון טויט און פון וויג,
אָרעמע קינדהייט פון האַס און בהלה —
יאָרן פון בלוט און פון קריג.

הילפלאָזע תּפילות און לידער פון אומעט,
בענקשאַפט, וואָס ווערט בלויז פון שאָטן באַגלייט,
אָרעמע קינדהייט, אומגליקלעכע, שטומע —
יאָרן אָן ברויט און אָן פרייד.

וועסט ווידער מיין היים

אָ, וואַרשע, וועסט ווידער מיין היים,
דו וואַקסט אויס איבנאַנצן אַ נייע.
אויף טאַטשקעס פון ציגל און ליים
מען ברענגט דיך צוריק פונעם פייער.

איך זע ווי אַ הויז נאָך אַ הויז —
די גאַס וואָס איז נעכטן פאַרשוואונדן —
גייט ווידער פון קעלניע אַרויס
און ווערט מיט דיר ווידער פאַרבונדן.

אַזוי קומסטו איצטער צוריק,
און כ׳האָב אָן דיך ווידער דערקענען,
כאָטש אין מיין פאַרטרויערטן בליק
איין גאַס דיינע האַלט נאָך אין ברענען.

און ס׳גייט דאָרט מיין ליד ווי דער ווינט
און זוכט פון אַ טויער דעם נומער,
ביז וואַנען דער ווייטיק פאַרשווינדט
אין פריילעכן רויש פונעם זומער. — — —

אַזוי ווערסטו ווידער מיין היים —
אָ, וואַרשע, מיין ליכטיקע, נייע.
אויף טאַטשקעס פון ציגל און ליים
מען ברענגט דיך צוריק פונעם פייער.

די האָפענונג

נישט אמת, אז די פרייד איז איצטער נייטיק
אויף צו פארשרייען אונדזער שאַרפן ווייטיק.
אויב ער וועט ווערן ביזן סוף פארשוויגן,
וועט אין דעם האַרץ פארבלייבן בלויז דער ליגן;
די זון וועט שווימען אין א פוסטן חלל,
און פון דעם שלאָף פארשווינדן וועט דער חלום.

אָ, וועלכן טומל וואָלט זיך איינגעגעבן
פארדעקן כאָטש א טייל פון יענעם לעבן,
וואָס וואָלט איצטער אין מיליאָנען שטויבן?
און וואָסער רעש וואָלט געקאָנט פארטויבן
דעם גרויל, וואָס האָט אין בלוט זיך איינגעגעסן? —
אזעלכע זאכן קאָן מען נישט פארגעסן.

נאָר נישט דער טרויער וועט צום לעבן וועקן.
די טויטע דארפן אויף א וויל אוועקגיין,
און די קאָשמארן טאָרן אונדז נישט דראָען,
ווען מיר פארווירקלעכן איצט די צוואה,
וואָס איז מיט פייער און מיט בלוט פארשריבן —
די האָפענונג, וואָס איז נאָך זיי געבליבן.

איך גיי איצט איבער גאַסן פּריש פּאַרבויטע

איך גיי איצט איבער גאַסן פּריש פּאַרבויטע.
דער הימל איבער זיי איז גאַנץ און לויטער,
דער שטראָם פֿון מענטשן טראָגט מיך לייכט אַוועק.

נאָר מיך באַגלייט פֿאַרעקשנט דער זכרון.
די צייט פֿון יוגנט און פֿון העלן צאָרן
איז אין דער שטאָט פֿון פֿייער נישט פֿאַרמעקט.

אין יענע טעג פֿון אומקום און פֿון חורבן,
ווען ס'איז דער לעצטער אויסגעשריי געשטאָרבן,
האָט אויף דער ערד מיין ליבשאַפֿט נאָך געלעבט.

ווען וואַרשע איז געלעגן אַ פֿאַרברענטע,
האָב איך אין פּלאַטער פֿונעם ווינט דערקענט נאָך
דעם אויפֿרוף, וואָס איך האָב אַמאָל געקליעפּט.

ווען פּאַוויע איז געווען אַ קופּע שטיינער
און אין דעם טויטן געטאָ האָט נאָך קיינער
די רויטע ציגל נישט צונויפֿגעשטעלט,

האָב איך אין ווילדן קבֿרים־גראָז געפֿונען
די ליכטיקייט פֿון פֿייער און פֿון זונען,
וואָס האָבן איצטער זיך אויפֿסניי צעהעלט.

צווײ פּלאַמען

צווײ פֿלאַמען

די שײנקײט האָט צום לעבן צוגעבונדן,
נאָר זי אַלײן איז מיר געװען צו װײניק.
האָב איך דעם פֿלאַם פֿון צאָרן אָנגעצונדן
און מיט דעם פֿלאַם פֿון ליבשאַפֿט אים פֿאַראײניקט.

און אױפֿגעפֿלאַקערט האָבן זײ צוזאַמען,
אַז קײן שום שטורעם האָט זײ נישט פֿאַרלאָשן —
צונױפֿגעפֿלאָכטן האָבן זיך די פֿלאַמען
אין העלע װערטער פֿון מײן ייִדיש לשון.

און כ'האָב דערזען: דאָס פֿײער פֿון מײן שטימע
איז מעכטיק אױסגעבראָכן װי אַן כאָרן.
דאָס האָט מײן ליד געקלונגען װי אַ הימן
דער רױטער פֿאָן פֿון ליבשאַפֿט און פֿון צאָרן.

דער וועג

מיין פריינד, ווי קאָן איך ווערן מיד?
איך האָב ביז איצט דאָך אָפּגעהיט
דעם חידוש פון די ערשטע טעג —
ביים סאַמע אָנהייב פון מיין וועג,
ווען מיט אַן אָנגעשפּיצט געהער
און מיט א פּרופערדיקער טרער,
וואָס האָט נישט טריב געמאַכט דעם בליק,
האָב איך דערוואַרט דאָס גרויסע גליק.
די פרייד איז אָנגעקומען שווער,
און אָפט האָט זי זיך אָפּגעקערט
און איז א ברוגזע אוועק
אין טעג פון הונגער און פון שרעק,
נאָר אויך די שאַרפע פיין און ווי
כ׳האָב אויפגענומען מיט געשריי,
ווי בשורה-טרעגער פון דער פרייד,
וואָס איז פאַר מיר שוין אָנגעגרייט.

דער וועג ליגט הינטער מיר נאָך פריש —
קיין טראָט איז דאָרטן נישט פאַרווישט.
איך קאָן דערציילן דיר גענוי
וו כ׳האָב געלאַכט, און ווי אַזוי
מיין ערשטע יוגנט האָט געברויזט,
אויף וועלכע גאַסן ס׳האָט מיין פויסט
א גאַנצע אָרדענונג באַדראָט,
און וועלכע פלעצער פון דער שטאָט
איך האָב מיט אויפרופן מינירט,
ווען ס׳האָט מיך מיין פאַרטיי געפירט!

די ק.פּ.פּ. —
ווער קאָן פאַרשטיין
מיין גליק אין קריצנדיקע ציין?
בלויז דער, וואָס איז מיט מיר ביינאַנד

געגאַנגען אײַננעמען דאָס לאַנד
פון שײַנע לידער און פון ברויט —
מיט אונדזער פאָן, וואָס פלאַטערט רויט.

דאָס גרעסטע גליק איז מיר באַשערט:
איך גיי איצט אויף דער זעלבער ערד,
וווּ ס'האָט דאָס לעבן מיך דערקוויקט,
וווּ ס'האָבן מיך מײַן מאַמעס הענט
געלערנט שטעלן ערשטע טריט —
איצט גיי איך זינגענדיק צום שניט.
און ווי אַ רויטער וווּנדער־פונק
דאָס האַרץ אין מיר איז אַלץ נאָך יונג,
דאָס בלוט איז וואַך, דער בליק איז שאַרף.
און דאָס איז אַלץ וואָס איך באַדאַרף.

* * *

א סך איז מיר נאָך צייט געבליבן?
באַווייזן, וועל איך אלץ פאַריכטן?
אליין האָב איך דאָך אויסגעקליבן
דעם וועג פון פריידן און פון פליכטן.

דערצו האָט קיינער נישט געצוווּנגען
און קיינער דאַרף מיך נישט באַלוינען.
פאַר אלץ, וואָס ס'איז מיר נישט געלונגען
וועט מיין געוויסן מיך נישט שוינען.

דאָס איז מיין קלאָס — אים בין איך ערוב
און אים וועט ביזן סוף געהערן
דאָס אַלץ וואָס כ'האָב דערגרייכט זינט יאָרן,
דאָס אַלץ וואָס דאַרף פאַרענדיקט ווערן.

איין ליד

וואָס קומט אַרויס פון לידער און פּאָעמעס
די אָנגעשטאָפּטע אין די צוואָנציק בענדער?
נישטאָ אין זיי קיין שורה פּונעם אמת,
דורך זיי ווערט קיינמאָל גאָרנישט נישט געענדערט.

דאָס לעבן ווערט באַוואָקסן דאָרט פון שימל,
די בלעטער ווערן געל און איינגעשרומפּן.
נישטאָ אין זיי פון ליכטיקייט קיין סימן,
די לופט ארום איז מילביק און פאַרדומפּן.

זיי קאָנען קיינעמס ליידנשאַפט נישט וועקן,
זיי קאָנען נישט צעטרייסלען די געפילן.
די ווערטער זענען ווי פאַרגרויטע פלעקן,
דאָס אויג אַנטלויפט פון זיי מיט ווידערווילן.

און איך קען איינעם, אַזאַ דרייסטן דיכטער,
וואָס האָט אין לעבן איין ליד בלויז געשריבן
און האָט דערמיט געענדערט די געשיכטע,
און ער אליין — אומשטערבלעך איז געבליבן.

דאָס איז געווען א ליד, וואָס פלעגט באַגלייטן
דעם מענטש אין יעדער שעה פון זיין געראַנגל;
דאָס ליד וואָס קאָן צו אלע ווייטע צייטן
בלויז דורך דער צייט דער אייגענער דערלאַנגען.

ווייל יעדעס וואָרט געווען איז אויסגעקנאָטן
פון טאַט און טרוים, פון ווילן און פון ליבע,
און ווייל דאָס לעבן — מיט זיין ליכט און שאָטן —
איז אין דער שיינקייט פון דעם ליד אריבער.

* * *

געווים, מיין צאָרן איז אַ גוט דערנערטער
פון יאָרן גוט, ער פליגט אין מיינע ווערטער
זיך רייסן דורך די ציין צונויפגעפרעסטע
און אָפּגעהילכט אין שטיינער־ריטמען פעסטע.
נאָר גלייב, אז אָט די בייזקייט אין די סטראָפן
איז איינגנטלעך, געווען א טייל פון וואָפן;
אז פאר דעם לעבן האָב איך זיך געשלאָגן
מיט אַלע מיטלען, וואָס איך פלעג פארמאָגן.

נישט גראָד איז אונדזער לעבן און נישט פשוט.
דו הער זיך איין נאָר אין דעם מענטשנס לשון:
אזויפיל טענער און אזויפיל פארבן!
פאר אלץ וואָס טרעפט פון וויגל ביז צום שטאַרבן —
פאַר אַלץ קאָנסטו אַ צייכן דאָרט געפינען:
פאר פרייד און אומעט, ליבע און פאר שנאה,
פאר העלדישקייט, פאר לײדנשאַפט, פאר טרערן —
מען דארף נאָר קאָנען די מוזיק דערהערן.

און אָט די שפּראַך האָט אין מיין האַרץ געקלונגען,
אפילו דעמלט ווען איך האָב געהונגערט.
מיך האָבן מיינע צרות נישט פארביטערט —
אַ גרויסע ליבע האָט מיך טיף דערשיטערט.
מיט אלע העלע יוגנטלעכע פריידן
מיין לעבן האָט געוווסט זיך צו באַקליידן.
און אָפט עס זענען זיך צונויפגעקומען
די ריחות פון פארגאָסן בלוט און בלומען
און אין מיין אָטעם איינגעזאַפּט געוואָרן.
פון דאָרט, מיין ליבער פריינד, שטאַמט אויך מיין צאָרן.

ווער קאָן דען פאַרגעסן?...

ווען קאָן דען פאַרגעסן די ווינטן
אין פּוילן פון קאַרטוז־בערעזע? —
זיי ווילן נאָך אַלץ נישט פאַרשווינדן,
ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען.

זיי טרייבן אין טייכן די קריעס,
זיי לויפן אויף פעלדער און העשען,
זיי וויגן די צענדליקער תליות
אין דערפער פון ווייטן פּאָלעסיע...

ווער קאָן דען פאַרגעסן די ווינטן,
וואָס זינגען די „ערשטע בריגאַדע"
אין לאַנגע און פראָסטיקע ווינטערס —
איינדרויסן פון תפיסהשע קראַטעס?

זיי ברענגען דעם עכאָ פון שטיוול,
פון פערדישע טריט און פון אימה. — — —
נאָר אין אַ פאַרוואָרפענעם שטיבל
אַ ייִצונג קומט פאַר אַ געהיימע,

און ביסלעכווייז הייבט אָן פאַרשווינדן
דער ווינטער דער גרויער און גרייזער,
און גאַנץ גייט אַרוים פון די ווינטן
די ווזיע פון גלעזערנע הייזער...

דעם אָנדענק פון א דיכטער

זיין ליבשאַפט איז געווען דער שטילער טאָן,
וואָס האָט אים טריי און אומעטום באַגלייט.
נאָר אָנגעפירט עס האָט די רויטע פאָן
צוזאַמען מיט דער שטורעמדיקער פרייד.

זיין האַרץ האָט ער אויף צווייען נישט צעטיילט,
נאָר גאַנץ אַוועקגעגעבן פאַר דעם ציל,
וואָס ער האָט אין דעם לעבן אויסגעוויילט,
מיט זיין באַוווּסטזיין און מיט זיין געפיל.

א דערציילונג וועגן באַטווין־ליד

איך בין געווען א קינד כמעט,
געגרייכט קוים צו דער נײַנמאַשין.
אין ענגען, טונקעלן ווארשטאַט
האָב איך דערהערט א קולכל דין:
א מיידל־שטים האָט אויפגעהעלט,
ווי פון א נאָמען דורכגעגליט —
א נאָמען פון א יונגן העלד —
דאָס איז געווען דאָס באַטווין־ליד.

דאָס מיידל — אויך כמעט א קינד —
געציטערט האָט איר צאַרטע ליפּ,
ווען זי האָט שעמעוודיק געשווינד
אינמיטן ליד געטאָן א כליפּ.
דאָס ווייסע ליכט פון אירע ציין
האָב איך נאָך ביז אצינד פאַרהיט,
ווייל מיט איר קינדעריש געוויין
געהערט האָב איך דאָס באַטווין־ליד.

מיין ערשטע ליבע איז — דער האַס,
וואָס כ׳האָב דערהערט אין איר געוויין —
מיט אים בין איך ארויס אין גאַס,
מיט אים — געקומען אין פאַריין.
מיין בלוט האָט מער שוין נישט געשטילט,
און ס׳האָט מיך יעדעס וואָרט געבריט,
ביז כ׳האָב אין ליד מיינס נישט דערפילט
דעם אומרו פון דעם באַטווין־ליד.

און ס׳זענען שטעט אוועק נאָך ברויט,
און אויפגעריסן האָט די פיין,
און ס׳איז געווען קאַשעוואַסקיס טויט —
פון העלדישקייט די העלע שיין.

ווען ס׳האָט די פאָן פארכאַפּט א שטאָט
און איבער טויזנט קעפּ געזיגט,
האָט, ווי א שבועה, שטרענג געדראָט
דער ניגון פון דעם באַטווין־ליד.

דער הונגער האָט מיין האַלדז געשטיקט
און פּאָליציי — מיין ליד פארשטעלט.
איך בין געפאָרן זוכן גליק
קיין פראַנקרייך — אויף דער גרויסער וועלט.
נאָר טייער האָט דאָס מיך געקאָסט:
חרטה האָט אין בלוט געזידט,
ווייל אין בערעזע כ׳האָב געלאָזט
מיין חבר מיט דעם באַטווין־ליד.

האָב איך זיך אומגעקערט אין לאַנד
פון קינדהייט און פון ריינעם האַרץ,
א חודש פאַר דעם אונטערגאַנג,
א חודש פאַר דעם היטלער־מאַרש.
איך האָב געזען ווי ס׳ווערט פארברענט
די שטאָט, וואָס האָט מיך אויסגעוויגט,
די שטאָט וו כ׳האָב אויף גרויע ווענט
געקלעפּט דעם רוף פון באַטווין־ליד.

דאָס פאָטערלאַנד פון באַטווינס טרוים
האָט מיר די רעטונג אויסגעשטרעקט.
איך האָב חאָרט אָפּגעאָטעמט קוים
פון זאָרג און אייביקן געיעג...
די גרויסע פרייהייט און די פרייד
אין באַטווינס שטאָט האָט אויפגעבליט,
און אין מיין האַרץ האָט זיי באַגלייט
דער עכאָ פון דעם באַטווין־ליד.

עס האָט צעפלאַקערט זיך די שלאַכט
אַנטקעגן דעם פאַשיזם און טויט.
די היטלערישע שווארצע נאַכט
פארכאַפּט האָט אונדזער ערד און ברויט.

נאָר פעלקער האָבן זיך געווערט
און פאַר די מערדער נישט געקניט,
און אין דער שוץ פון אונדזער ערד
איז אויך געווען דאָס באַטווין־ליד.

געזונגען האָט א פּאַרטיזאַן
דאָס שיינע ליד אין סטויפּציער וואַלד,
און ס'איז געוואָרן דאָס געזאַנג
פון גלויבן אינעם זיג — א קוואַל.
און ווען עס האָט די פּ.פּ.ר.,
אין ערשטע שלאַכטן שוין געניט,
געשיקט אין געטאָ איר געווער —
האָט אויפגעשאַלט דאָס באַטווין־ליד!

פון לעמינאָ ביז צו בערלין,
דורך שטויב און פייַן, דורך רויך און פלאַם,
מיט פוילנס בעסטע, טרייע זין,
געגאַנגען איז דאָס ליד פון קאַמף.
נישט איינער האָט צום ווייסל־ברעג
דערגרייכט קוים, אויסגעשעפּט און מיד,
און דורכגעטראָגן אין געשלעג
די ווערטער פון דעם באַטווין־ליד.

אין ווראָצלאַוו, אין א פרילינג־טאָג,
בין איך אוועק אין א פאַבריק,
ווען כ'האָב דערוווּסט זיך, אז זי טראָגט
דעם נאָמען פון מיין ערשטן גליק.
איך האָב געטראָפן דאָרט א מענטש,
וואָס איז געווען אין מאַדריד
און שפּאַניעס הייסע ערד געבענטשט
מיט בלוט און מיט דעם באַטווין־ליד.

איך וווין איצט אין דער שטאָט וווּ ס'ווערט
אויפסניי געבוירן יעדע גאַס,
וווּ אין געׂרויש פון בוי איך הער
די שטים פון קעמפנדיקן קלאַס.
און איך פאַרנעם אין מיין געזאַנג
דעם נאָמען פון דעם שוסטער — ייד,
וואָס כ'טראָג אין בלוט א לעבן־לאַנג
אינאיינעם מיט דעם באָטווין־ליד.

דיר, מיין פרייד

דאָס וואָרט

פון אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט? אָ, ניין!
דער פייער־שניט פון מענטשלעכן געדאַנק
האָט אויפגעשיינט אין לאַנגדיקע צײַן
נאָך דורות פון געראַנגל און פאַרלאַנג.

פון אָנהייב איז געווען די שוואַרצע מי,
דערנאָך די ערשטע רעגונגען פון פרייד,
און שפּעטער ערשט — דער וווּנדערלעכער גלי
פון טרויער און פון ליבשאַפט אין די רייד.

ווער נעמט צונויף די קלאַנגען און פאַרבינדט?
פון וועלכן פייער ווערן זיי דערנערט? —
מיר דאַכט זיך, אַז איין אות דאָס צווייטע צינדט
דורך אַלע צייטן פון דער אַלטער ערד.

אַ שוועבנדיקע ליכטיקייט פון שריפט
לויפט שנעל אַדורך דעם גאַנצן אוניווערז,
כּדי מיין אויג זאָל ווערן איצט פאַרבליפט
פון איינעם אַן אַנטציקנדיקן פערז.

דאָס איז די העלע שפּראַך פון טויזנט יאָר,
וואָס האָט זיך פון דער פינצטערניש באַפרייט,
און דורך דעם איבעררוף פון דור צו דור —
איך נעם זי איבער פאַר דער נייער צייט.

דיר, מיין פרייד

זינג איך מיט דעם זעלבן קול,
מיט דעם ניגון פון אַמאָל,
מיט דער זעלבער יונגער קראַפט —
אין דער שיינער וועלט פאַרגאַפט.

און נאָך מיר, ווי א באַגלייט,
גייט די נישט־אַנטפּלעקטע פרייד,
מיט איר שמייכלדיקן חן
אין די קלאָרע גלייכע ציין.

— נעם מיך נאָכאַמאָל ארום —
גרייט בין איך צו ווערן שטום,
גרייט בין איך פון דיינע הענט
ווערן נאָכאַמאָל פאַרבלענדט!

כ׳ווייס, דער טרויער איז נישט קלוג —
צייט געבליבן איז גענוג.
דאָך איז יעדער טאָג א שאָד,
ווי אן אָפּגעדעקטער סוד.

יעדע האָר וואָס ווערט פאַרגרויט
אומפאַרשעמט איז ווי דער טויט,
וואָס איך ווער זיך קעגן אים
מיט מיין לעבעדיקער שטים.

שרעק זיך נישט — דו הערסט? איך זינג,
און מיין טראָט איז לייכט און פלינק,
און דאָס לעבן קאָכט און לאַכט —
דיר, מיין פרייד, געהער די מאַכט!

ווי א בלום

מיין ליבשאַפֿט איז פּונקט ווי א בלום,
וואָס וויקלט זיך אַלץ נאָך פֿאַנאַנדער:
נאָך איידער איך קוק זיך ארום —
איז זי שוין פֿארענדערט און אנדערש.

אָפּט שטרעק איך צו דיר מיינע הענט,
נאָר זעלטן קאָן איך דיך דערגרייכן.
ווי בליעכץ אין זון איז דער בלענד,
וואָס שלאָגט פֿון דיין אָפֿענעם שמייכל.

קאָן זיין, אַז דערפֿאר ווייל איך וויל
דו זאָלסט מיר אינגאַנצן געהערן;
קאָן זיין, אַז איך פֿאָדער צופֿיל,
ווייל דו האָלסט כסדר אין ווערן.

און דאָך נעם איך אַלץ אָן פֿאר גוט,
אויך דאָס, וואָס איך בלייב נישט באַגנוגנט.
דערפֿון וואַקסט דער אומרו אין בלוט,
דער נייגיר, וואָס קרעפֿטיקט מיין יוגנט.

דיין אָטעם בלויז האָב איך פֿארזוכט,
דיין לייכטן באַריר בלויז דעם צאַרטן.
איך האָף, אַז איך וועל צו דער פֿרוכט
דער רייפֿער זיך אויכעט דערוואַרטן.

דו האָסט געזען...

די האָסט געזען: מיין גאַנג איז אַזוי לייכט,
אַז אויך קיין גרעזל קאָן איך נישט צעטרעטן.
פאַרוואָס זשע איז דיין בליק געוואָרן פייכט,
ווען איך האָב אין מיין לעבן דיך פאַרבעטן?

דאָס איז געווען דיין זאָרג און פאָרגעפיל,
ווען דו ביסט אין מיין טאָג אַריינגעגאַנגען.
דו האָסט געוווסט, אַז צו מיין גרויסן ציל
וועל איך דורך שוועריקייטן בלויז דערלאַנגען.

איצט זעסטו, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון פרייד,
גראָד דעמלט, ווען זי ווערט דורך מיר פאַרטיידיקט;
איצט זעסטו ווי מיין גליק ווערט צוגעגרייט
אין ראַנגלעניש און אָפּטמאָל אויך — אין ווייטיק.

איצט ווייסטו, אַז דאָס בלוט וואָס כ׳גיב אַוועק
און גייט פון פולן הארץ אין ליד אַריבער,
קערט אום צוריק זיך פריש און אויפגעוועקט —
און דעמלט ווערסטו טייערער און ליבער.

נישט כדי פון לעבן אָפּצוצוימען...

ניין, נישט כדי פון לעבן אָפּצוצוימען
האָב איך דיך, טייערע, ארומגענומען,
און נישט — אויף צו באַרוישן דיך מיט טרוימען,
און נישט — אויף צו דערוועקן דיך מיט בלומען.

איך האָב דיר נישט געשוואוירן ביי די שטערן,
נישט צוגעזאָגט אַ סטעזשקע אין גן־עדן —
אין אָט דער הארבער צייט פון בלוט און טרערן
דער טויט בלויז קאָן אונדז מיט דעם קאַמף צעשיידן.

נישטאָ קיין ווינקל, וווּ זיך צו פאַרבאָרגן,
נישטאָ קיין אָרט, וווּ איך זאָל דיך באַהאַלטן.
עס יאָגן אָן פון אומעטום די זאָרגן
און פון אַ וועלט אַ האַלבער — די געוואַלטן.

קאָרעע ברענט — איך קאָן דיך נישט פאַרוויגן,
כּל־זמן דאָס פייער איז דאָרט נישט פאַרלאָשן;
כּל־זמן איך וועל דעם שונא נישט באַזיגן —
די צאַרטע ווערטער פעלן אין מיין לשון.

באַקלאָג זיך נישט, האַלט פעסט זיך ביי מיין אָרעם —
מיין טרייהייט כ'האָב דער גאַנצער ערד געשוואוירן;
מיין שבועה איז דער ברענענדיקער צאָרן —
פאַר אָט דער גרויסער ליבע כ'בין געבוירן!

ווי דין דו ביסט...

ווי דין דו ביסט — א יונגיטשקע בעריאָזע,
וואָס גיט מיט פיבער זיך אַוועק דעם ווינט,
און יעדעס בלעטעלע אין זון זיך צינדט —
ביז זי הייבט אָן צו פלאַטערן א ראָזע.

נישט צופעליק האָב איך דיך אָנגעטראָפן:
דורך צוואָנציק זומערס האָב איך דיך געזוכט,
אין צוואָנציק פרויען האָסט זיך מיר געדוכט,
און מיט זיי אלע — ביסט פון מיר אַנטלאָפן.

מיך האָט געבראַכט צו דיר דער זעלבער הונגער,
וואָס פירט מיך שטענדיק צו דעם נייעם ליד —
ער האָט מיך פון דער מידקייט איינגעהיט —
און דיר צוליב געבליבן כ'בין א יונגער.

איך האָב דערגרייכט דיך, און דער ערשטער ציטער
איז דורכגעלאָפן דורך דיין שמאָלן גוף,
און דו האָסט מער זיך ווערן נישט געפרווט
אַנטקעגן מיר — דעם אָנקום פון געוויטער.

און דו האָסט זיך פאר מיר נישט איינגעבויגן,
נאָר, ווי א יונגיטשקע בעריאָזע גרייט
דעם שטורעם אויפצונעמען און די פרייד —
האָסט דו די בלייכע הענט צו מיר געצויגן.

נישט אַלץ

נישט אַלץ האָב איך דיר אויסגעזאָגט,
איך האָב דיר נאָך נישט אַלץ דערציילט —
אַזויפיל האָט דער ווינט פאַרזאָגט,
אַזויפיל האָט די צייט פאַרהיילט.

דעם ווילדן שטורעם פון די טעג
שניידט דורך אַ העלער פאַס פון שיין.
דאָס איז געבליבן פון מיין וועג
אין וואַקל צווישן גליק און פיין.

נאָר דו ביסט נייגיריק, געניי
ווילסט זיך דערוויסן יעדן פּרט:
פאַרוואָס מיין שוואַרצער קאָפּ ווערט גריי,
ווען כ'בין פון לעבן נאָכנישט זאַט?

פאַרוואָס פיל איך נאָכנישט די לאַסט
פון דער פאַרגאַנגענהייט, איר וואָג,
כאָטש פול מיט ליבשאַפט און מיט האַס
געלאָדן איז דאָרט יעדער טאָג?

פאַרוואָס איז שווער אָפט מיין געמיט,
כאָטש ס'איז מיין טראָט נאָך פלינק און לייכט?
פאַרוואָס איז האָפערדיק מיין ליד,
ווען מיינע אויגן זענען פייכט?

איך וואָלט געזאָגט דיר, נאָר אַ שאָד —
דער ענטפער וועט זיין דאָפּלט שיין,
ווען אָט דעם שטילן גרויסן סוד
דו וועסט דערוויסן זיך אַליין.

* * *

ס'איז גוט, וואָס דיין שמאָלע געשטאַלט
האָט איצט זיך געשטעלט אויף מיין וועג,
ס'איז גוט, וואָס זי היט און פאַרהאַלט
דעם שטראָם פון פאַרגאַנגענע טעג.
נאָך איצטער טרעפט אָפט, אז איך שטוין:
ווי קומען צו מיר אָט די רייד,
צו וועלכע דער מענטש ווערט געוווינט,
נאָך יאָרן פון פריידן און פרייד?
מיין ליבע, דו ווייסט וואָס מיר איז,
דו איינע, דו קענסט דאָך מיין קרענק —
אין הארץ איז א פינצטערער ריס,
דער ווייטיק איז שאַרף: איך געדענק!
נישט אלץ ווערט פון אומקום פאַרמעקט,
פאַרקערט, ס'איז פאַראַן אזא טויט,
וואָס בלייבט, ווי א בלוטיקער פלעק,
אין גרויל און אין שרייאיקן רויט.

און דו, ווי די ביבלישע רות,
געקומען צו מיר ביסט אליין,
צו וואַשן מיין לעבן פון בלוט
און היילן מיין לייב פון געוויין.
און איבערגעגעבן און טריי
פאַרשטעלסטו מיט ליכטיקע הענט
פון שרעקן, וואָס זענען פאַרביי
און האָבן מיך ווידער דערקענט.

אָן רייד

דו ביסט אַ שווייַגנדיקע, שווייג.
נאָר איך פאַרשטיי דיך אויך אָן רייד.
מיר האָבן אונדזער שפּראַך־געצייג
זאַלבעצווייט.

ווען איך דערזע נאָך פון דער ווייט
ביי דיר אין שויב די רויטע בלום,
פאַרשטיי איך באַלד, אַז דאָס באַדייט:
— קום!

און ווען איך עפן אויף די טיר
און אין דיין פּנים בליט דאָס בלוט,
איז ווי דו וואָלסט געזאָגט צו מיר:
— גוט!

די ווייזט מיר אָן ביים טיש אַן אָרט
און באַלד פאַרבייסטו שטיל די ליפּ,
און איך פאַרשטיי דיך אָן אַ וואָרט:
— ליב!

און דיין פּראָפיל אין שמייכל בלויז
פאַראַט דעם ווילן פון דיין לייב.
דאָס זעלבע זאָגט די רויטע רויז:
— בלייב!

ליבע

אין אונדזער לעבן אַנדערש איז די ליבע —
איר שיינקייט קאָן שוין קיינער נישט פאַרווערן.
צוזאַמען מיט די שטעט מיר גיבן איבער
צו איר רשות דאָס ליכט פון ווייטע שטערן.

זי איז צו יעדער העלדישקייט באַרעכטיקט,
איר דרייסטע קראַפט קאָן צו דעם טרוים דערגרייכן.
די בענקשאַפט מאַכט נישט שוואַכער, נאָר זי מעכטיקט —
איר נייגיר איז פון אומגעדולד א צייכן.

דורך לאַנגע צייטן האָט מען זי באַליידיקט
און ווי א בייזן כישוף זי פאַרשאָלטן.
צום ערשטן מאָל דערשיינט זי פול און פריידיק
פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי פון א וואָלקן.

די פליגל אירע זענען נישט געבונדן,
איר ליד איז מער נישט אומעטיק, פאַרמאַטערט,
די ענגשאַפט פון די ווימען איז פאַרשוווּנדן —
איר שווונג און עכאָ אומבאַגרענעצט פלאַטערט.

און מער איז נישט דער טרויער איר באַגלייטער —
די לופט צעכוואַליעט זיך פון איר געלעכטער.
איר כוח מאַכט די האָריזאָנטן ברייטער
און אַלע שטערונגען אין וועג צעברעכט ער.

האַלב אין שפּאַס

איך ווייס נישט וואָס איך האָרף זיך פרייען? —
איך פּראָווע נישט קיין יובילייען
און לאָד נישט איין קיין גוטע ברידער,
וואָס וועלן לויבן מיינע לידער
און מיך מיט חניפה־רייד דערקוויקן —
איך קען זיך נישט אויף אַט די גליקן!
איך האָב גאָר ליב אַליין צו בלייבן
אין מיין געבורטס־טאָג, און פאַרשרייבן
אין פעסטע, איינגעצוימטע סטראָפן
דאָס אַלץ, וואָס איז מיט מיר פאַרלאָפן.

דאָס איז דער טאָג פון חשבון מאַנען,
פון איבערטראַכטן און דערמאָנען
די זאָרג, וואָס כ׳האָב געפרווט באַהאַלטן —
צי כ׳האָב מיין ערן־וואָרט געהאַלטן;
אויף וויפל כ׳בין געוואָרן נענטער
אהין, ווו כ׳גיי א דורכגעברענטער
פון קאַמף און ליכטיקע געזאַנגען —
צום גרויסן גליק, וואָס כ׳וויל דערלאַנגען.

נישט אַלץ האָט מיר זיך איינגעגעבן.
איך ווייס, דאָס רעכנט זיך אין לעבן.
נו, קאָן איך זיין פון זיך צופרידן?
און דאָך, באַוויזן כ׳האָב פאַרהיטן
א סוד, פון וועלכן כ׳וועל געניסן
אַליין, ווייל קיינער קאָן נישט וויסן,
אַז אַלט בין איך נאָכנישט געוואָרן
אין קרייז פון מיינע יונגע יאָרן.

א פרוי אין טרויער

נישט בלויז די ליבשאַפט הערט אויף ווערן עכט,
ווען זי באַווייזט זיך נאַקעט פאַר דער וועלט —
נאָר אויך דער טיפער טרויער ווערט פאַרשוועכט,
ווי נאָר ער ווערט פאַר פרעמדע נישט פאַרשטעלט.

די ערשטע פרוי, וואָס כ'האָב באַגעגנט היינט,
געטראָגן האָט א שוואַרצן אָרעם־באַנד.
איך וואָלט דעם גאַנצן טאָג געקריגן פיינט,
דערפאַר, ווייל ער האָט מיך אין טויט דערמאָנט.

נאָר זי — די פרוי — זי האָט זיך אומגעדרייט,
געוויזן מיר אַ שמייכלענדיק געזיכט,
און מאָהנע: אויך פון טרויער האָט געווייט
מיט נייגיר און מיט לעבעדיקן ליכט.

און כ'האָב געוווסט: א ליגן איז דער באַנד,
וואָס בינדט איר אָרעם אויסזיכטלאָז און שוואַרץ;
אַז פריי דאַרף בלייבן פאַר דער וועלט איר האַנט,
ווי פאַר דער פרייד געבליבן איז איר האַרץ.

בלומען־טעפּ

א טרויער גייט פון בלומען־טעפּ די שטילע,
כאָטש קיינמאָל הערן זיי נישט אויף צו גרינען.
אין צימערן פאַרשאָטנטע און קילע
זיי גרייכט די זון דורך שויבן און גאַרדינען.

ווער האָט צעשיידט זיי מיט די ברייטע ווינטן,
פאַרשטעלט זיי פון די שפּעדיקע שלאָקסן?
א טאָג צו לעבן פריי און צו פאַרשווינדן
איז בעסער, ווי אין מויערן צו וואַקסן.

מען האָט זיי פון דעם באָדן אויסגעריסן
און אין א הויפן ערד פאַרשפּאַרט צום בליען.
זיי וועלן קיינמאָל שוין זיך נישט דערוויסן
דעם טעם פון טוי אין פרילינג־אינדערפריען.

מען טרינקט זיי אָן טאָג־טעגלעך אין פאַרנאַכטן,
דאָס וואַסער פון די מענטשן זים און ווייך איז.
נאָר אין דעם רויש, דעם ענגן און פאַרמאַכטן
פאַרלירט עס אַלע שמעקעדיקע ריחות.

זיי ציען אויס די בלעטער און די צווייגן,
נאָר אין דער שטיקעניש די וואָרצלען שפּאָרן.
מיט ווייטיק ווערט געלאָדן זייער שווייגן
און זייער וואַקסן פול ווערט מיט געפאָרן —

זיי זאָלן נישט די תפיסה־טעפּ צעזעצן
און פאַלן אויף די גלעזע שטיקער שאַרבן,
און איידער נאָך מען וועט זיי איבערזעצן —
פון בענקשאַפט צו דער ערד זיי וועלן שטאַרבן.

א שפּליטער

איך בין א שפּליטער פון מיליאָנען זונען,
געוואָרפן אין דעם אומענד פון די יאָרן —
איך האָב קיין אָפּרו קיינמאָל נישט געפונען,
נישטאָ קיין איבערדרייס צו מיין זכרון.

די אלטע דורות האָבן מיך געפורעמט,
נאָך זיך האָב איך מיליאָנען טויטע קנאָכן.
איך בין אדורך אזויפיל ווילדע שטורעמס
און ווידער אין דעם לעבן אויסגעבראָכן.

דאָס פייער, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פארלאָשן,
דער אָטעם, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פארענדיקט —
האָט אויפגעפלאַקערט אין מיין מענטשלעך לשון
און האָט מיך מיט דער אייביקייט פארשטענדיקט.

ארמייען זענען איבער מיר געטראָטן,
נאָר, ווי דאָס ליכט, מיך נישט געקאָנט צעשטויבן.
אין זייער אומקום און אין זייער שאָטן
האָב איך געזיגט — איך האָב זיך אויפגעהויבן.

איך האָב די ערד די גאנצע אָפּגעוואונען
און אין געראנגל — שטאַרקער נאָך געוואָרן. —
איך בין א שפּליטער פון מיליאָנען זונען,
געוואָרפן אין דעם אומענד פון די יאָרן.

אַ פֿאָרשלאָג

כ'האָב וויפֿל מאָל דעם טויט שוין אָנבאַגעגנט,
נאָר וועגן אים מיר גלוסט זיך נישט צו שרייבן —
צום לעבן פֿירן הונדערט טויזנט וועגן,
צום טויט וועט שטענדיק איין וועג בלויז פֿאַרבלייבן;
צום לעבן פֿירן אַלע שיינע לידער,
צום טויט — בלויז איינס, און דאָס איז אויך דערווידער.

מיך קאָסט געזונט, איך קאָן דאָס נישט פֿאַרטראָגן,
ווען דורך דער טראַסע גייט אַ שוואַרצער וואָגן,
אָן אָנגעלאָדענער מיט קרענץ און טרויער,
פֿאַרביי די רושטאָוואַניעס און די בויער.
דאָס קאַלך הייבט אָן זיך לעשן, ווערן טונקל,
די נייע הייזער ווערן איינגעזונקען.

איך האָב אַ פֿאָרשלאָג צו דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג
(איך גלייב — די בירגער וועלן אונטערהאַלטן):
זי זאָל דעם צענטער פֿון דער שטאָט באַפֿרייען
פֿון טרויער־מאַרש, פֿון קרענץ און פֿון לוויות,
און אַלע שוואַרצע אויטאָס זאָלן פֿאָרן
דורך זייטן־גאַסן צו דעם בית־הקברות.

ווער ציילט די יאָרן?

ווער ציילט די יאָרן? זאָלן זיי אריבער.
די יוגנט בלייבט צוזאַמען מיטן גלויבן
און מיט דער קראַפט פון פריינדשאַפט און פון ליבע —
אומעכטיק איז די צייט זיי צו צעשטויבן.

דער טרויער האָט זיך אויסגעלערנט שווייגן
און בלויז די פרייד האָט פרייע הענט באַקומען,
און פון דעם בלוט, וואָס הערט נישט אויף צו שטייגן,
דעם לעצטן טראָפן האָט זי אָפּגענומען.

ווער ציילט די יאָרן? יע, די וועלט איז אָפן
און נישט געשטילט אין אויגן איז דער הונגער,
דאָס הארץ האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו האָפן —
דאָס לעצטע ליד האָב איך נאָך נישט געזונגען!

אינהאַלט

מיט אָפענע אויגן

	זייט
* * *	7
אונדזער פרייד	8
נייע שכנים	9
די צווייטע יוגנט	10
נייע הוטעס און פאבריקן	11
ווער?	12
מיט אָפענע אויגן	13
אייב פאַרוואַנדלט צו ווערן...	14
אין אונדזער יונגער שטאָט	15
נאָך אייזער	16
דער נייער בירגער	17
צו אַ ספּיקערין אין וואַרשעווער ראַדיאָ	19
דעם יונגן דור	20
אַ קראַנקנשוועסטער	21
שטילקייט	22
טראָט נאָך טראָט	23
ליד וועגן באָלעסלאַוו ביערוט	24
פאַר דיר	25
צו מיין טאָכטער	26
דיין רו	27
פאַר אַלעם	28
ערשטער חודש	29
סוף ווינטער	30
מערין	31
ס'איז גוט	32
זומער-טעג	33
הייסע טעג	34
אין אָט דעם זומער	35
אַ בייזער ווינט	36

צום שניט . . . 37
נאָכמאָל . . . 38
צוריק . . . 39
צו־קליין . . . 40
* * * . . . 41
צו א פריליגג שפעטער . . . 42
מיין ליד געפעלט זיי נישט . . . 43
פארשפעטיקטער הארבסט . . . 44
אויפסגיי . . . 45

אין אונדזער צייט

אין אונדזער גרויסער צייט . . . 49
נאָך אַלץ . . . 50
דאָס זענען די שונאים . . . 51
צו א פריינד אין פאריז . . . 52
פארן שטורעם . . . 53
דער העלד פון מיין ליד . . . 54
ייִדן אין פוילן . . . 55
אזוי איז געגאנגען די ערשטע ארמיי . . . 58
אין ווישקאָווער וואַלד . . . 60
דער סאָוועטישער מונדיר . . . 62
אוריוק . . . 63
דער רוף פון אָקטאָבער . . . 64
אין טאָג פון זיבעטן נאָוועמבער . . . 65
אויף סטאַלינס טויט . . . 66
אין יענע טעג . . . 67
די בריק אויפן אָדער . . . 69
עמיגראַנטן . . . 71
אַמעריקאנער סטיל . . . 72
פאַלשע דיכטער . . . 73
אַ צופאל . . . 74
דזשומיע . . . 75
מיט האַס און פאַראכטונג . . . 76
פרעמדע . . . 77
פאר זיי . . . 78
צו מאַנילאָס גלעזאָס . . . 79
אזיל . . . 80
צו דער באפרייונג פון קעסעלרינג און מאנשטיין . . . 82
צו די חברים אין ישראל . . . 83
קים טשאל־יון . . . 84
זיגעריש געלעכטער . . . 85
אונדזער געזאַנג . . . 86

אין ליכט פֿאַרטרויט

צו יוליוס און עטל ראָזענבערג 89
לאָמיר אלע דעם טויט=שטראָף פֿאַרהאַלטן . . . 90
פֿאַר שלום און פֿרייהייט 91
צוואַנציקסטער יוני, איינס אזייגער ביינאַכט . . 92
אין ליכט פֿאַרטרויט 93
דער אמתער ריכטער 94
אַ קללה די מערדער! 95
צו מיכאל און צו ראָבי 96

האָפֿענונג

צום פֿרילינג איז ווידער איצט אָפֿן מיין הארץ . . 99
אין געטאָ 100
איך בעט דיך נישט... 102
איך קאָן נישט שווייגן 103
די זעלבע גאס? 104
א יונגער ייד מיט שוואַרצע אויגן 105
געלע סעקשטיין 106
איך רעד איצט שטיל 107
צו נייע קאַמפֿן 108
אויף יענע טרעפּ, וואָס פֿירן צו מוראַנאָוו . . 109
עלעגיע 110
אַצינד איז לייכטער... 111
ביז אַצינד נאָך 112
יידישע הויפֿן 113
ווערסט ווידער מיין היים 114
די האָפֿענונג 115
איך גיי איצט איבער גאַסן פֿריש פֿאַרבויטע . . . 116

צוויי פֿלאַמען

צוויי פֿלאַמען 119
דער וועג 120
* * * 122
איין ליד 123
* * * 124
ווער קאָן דען פֿאַרגעסן?... 125
דעם אידעאַל פֿון א דיכטער 126
אַ דערציילונג וועגן באָטווין=ליד 127

דיר, מיין פֿרייד

דאָס וואָרט 133
דיר, מיין פֿרייד 134

ווי א בלום 135
דו האָסט געזען... 136
נישט כדי פון לעבן אָפּצוצוייִמען 137
ווי דיין דו ביסט... 138
נישט אַלץ 139
* * * 140
אַן רייד 141
ליבע 142
האלב אין שפּאַס 143
אַ פרוי אין טרויער 144
בלומען־טעפּ 145
אַ שפּליטער 146
אַ פאָרשלאַג 147
ווער צײלט די יאָרן? 148